גליון

# באור החיים

פרשת חקת - בלק - תשפ"ו לפ"ק | גליון תתפ"ו

יהנו לאור ע"י איחוד תלמידי וחסידי טאהש


הגליון בשבוע זו נתנדב על ידי

הרבני הנגיד מוה"ר **אלי' מאיר** בר"מ **גאלדבערגער** הי"ו

לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב ובשעטו"מ

וכזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

## באור פני מלך

פניני עבודה על פרשת השבוע

### חוקת

## יש לכל אחד מישראל קומה מיוחד לתקן

**זאת התורה אדם כי ימות באוהל**

פירשו הספרים הקדושים "זאת התורה אדם" כי כל מה שיש בתורה יש באדם מישראל, וכמו שאמרו בזוה"ק (ח"ג עג.) דישראל ואורייתא חד הוא, כי הם שורש אחד וענין אחד, לכן כל י"ג מדות שהתורה נדרשת בהן, ישנן גם בכל נפש מישראל, וכמו שהתורה נדרשת בכלל ופרט, כן כל בר ישראל נדרש בבחינת כלל ופרט, היינו שצריך לעבוד את ה' בבחינת כלל ובבחינת פרט, בחינת פרט היינו בינו לבין עצמו, ובחינת כלל היינו שיקשר את עצמו עם שאר בני ישראל, ויכלול את עצמו עמהם, כי יש לכל בר ישראל איזה מעלה ומדה שאין בזולתו, וכל אחד צריך לקבל מדתו של חבירו, ואז נעשים כולם יחד קומה אחת שלימה.

ולעומתו יש לכל אחד מישראל לבדו עולם בפני עצמו שכל המדות וכל הספירות נכללות בו, וצריך כל אחד לתקן קומתו ובדרך ובשביל המיוחד לו, בלי שילמוד מן השני, וכמו שאמרו חז"ל (סנהדרין ל"ז.) כל אחד ואחד חייב לומר בשבילי נברא העולם, בשבילי, היינו בשביל ודרך המיוחד לי, וצריך לתקן ולכבס את השביל שלו, לייחד לו דרך המיוחד בשבילו, כי זאת התורה אדם, כמו שהתורה נדרשת בכלל ופרט, כן צריך כל אחד מישראל להיות נדרש בכלל ופרט.

(פתג"ק נצבים)




### בלק

## כשקורא קרי"ש זוכה ע"י קריאת שמע זוכין להינצל מן הנסיונות והקשיים העוברים עליו

**הן עם כלביא יקום וכארי יתנשא לא ישכב עד יאכל טרף ודם חללים ישתה.**

פרש"י הק' לא ישכב בלילה על מטתו, עד שהוא אוכל ומחבל כל מזיק הבא לטרפו, כיצד, קורא קריאת שמע על מטתו, ומפקיד רוחו ביד המקום, בא מחנה וגייס להזיקם הקב"ה שומרם ונלחם מלחמותם ומפילם חללים, הרי לנו, כי בזה שהאדם קורא קריאת שמע, ומפקיד רוחו ביד ה', זוכה להינצל מן הגייסות, היינו מן הנסיונות והקשיים העוברים עליו, וכן פירשו בריש ספר תיקו"ז הק' (ט.) במה שנאמר בשיר של פגעים יקראני ואענהו, דקאי על מצות קריאת שמע, שהקב"ה אומר לכנסת ישראל, תקרא קריאת שמע, ומתוך כך אענך על כל משאלותיך, ואצילך מכל הפגעים, הה"ד אז תקרא וה' יענה.

(פתג"ק ויגש)

# שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו
של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעועכ"י

**ותהי לרצון, דער אייבערשטער זאל אריינברענגן אין אונז א רצון און תשוקה, אז עבודת ישראל עמך, מיר זאלן קענען דינען דעם אייבערשטן ווי ס'דארף צו זיין.** (שיח"ק ח"ג שס"א)

# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באידיש

המדור הזה נתנדב ע"י מו"ה אהרן יחזקאל דוב סג"ל לאווען הי"ו (ק"י)
לרגל שמחת הכנסת בנו הב' יוסף נ"י לעוהתו"מ למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## דער טעם פארוואס די יודן האבן נישט געזינגען שירה אויף די ניסים פון נחלי ארנון

על כן יאמר בספר מלחמות ה' את והב בסופה ואת הנחלים ארנון, פרש"י הק', כשם שמספרים בניסי ים סוף, כך יש לספר בנסי נחלי ארנון שאף כאן נעשו ניסים גדולים.

זענען די ספרים הק' מדייק, פארוואס ביי די ניסים פון קריעת ים סוף, האבן יודישע קינדער געדארפט מתפלל זיין צום אייבערשטן אז די ים סוף זאל זיך שפאלטן, אזוי ווי עס שטייט ויצעקו בני ישראל אל ה', און אויך זענען זיי באפוילן געווארן צו אריינגיין אין דעם ים מיט מסירות נפש, און דאן ביי די ניסים פון נחלי ארנון, איז די נס געשעהן אן קיין שום התעוררות פון יודישע קינדער און אויך אן זייער וויסן, נאר גלייך ווען זיי זענען אנגעקומען צו דעם טיף האבן די בערג זיך באגעגעט איינס צום צווייטן, און די אמוריים וואס זענען געווען באהאלטן אין די לעכער זענען גע'הרג'ט געווארן.

נאך זענען די מפרשים מדייק פארוואס ביי שירת הים האבן די יודן געלויבט דעם אייבערשטן אויף די ניסים וואס איז געשעהן ביי קריעת ים סוף, און איבער איבוד המצריים, משא"כ ביי די שירה פון די פרשה האבן זיי נאר געלויבט דעם אייבערשטן אויף די טובת הבאר, און זיי האבן נישט דערמאנט אין די שירה, דאס וואס דער אייבערשטער האט זיי געראטעוועט פון די אמוריים.

אין ספר הק' קדושת לוי אין די פרשה, און אזוי אויך נאך ספרים הקדושים פון תלמידי הבעש"ט הק' זי"ע, שרייבן איבער דעם הייליגע ווערטער וואס דערלייכטן די אויגן. לויט ווי אזוי רש"י הק' האט מפרש געווען אנפאנג פרשת בראשית, בראשית בשביל התורה שנקראת ראשית ובשביל ישראל שנקראו ראשית, ווייל דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט אז די יודישע קינדער זאלן מקיים זיין די תורה, און אזוי ווי די וועלט איז באשאפן געווארן פאר דעם תכלית, אזוי אויך איז דאס שטענדיג די קיום פון די וועלט, אזוי ווי די לשון הזוה"ק "באורייתא ברא קוב"ה עלמא ובאורייתא אתקיים עלמא".

אבער פון בריאת העולם ביז מתן תורה, האט די וועלט נישט געוויסט אז דאס איז די תכלית פון די בריאה אזוי ווי חז"ל זאגן שית אלפי שני הוי עלמא, שני אלפים תהו, שני אלפים תורה, שני אלפים ימות המשיח. שני אלפים תהו מיינט אז אין די צוויי טויזנט יאהר איז נישט געווען אנערקענט אז די תכלית פון יצירת הבריאה איז בשביל התורה ובשביל ישראל, פארדעם ווערט דאס אנגערופן שני אלפים תהו ווייל די וועלט איז געווען תהו פון די תורה.

פארדעם בשעת קריעת ים סוף, וואס עס איז נאך געווען פאר מתן תורה, ווען די בריאה האט נאך נישט אנערקענט אז זי איז באשאפן געווארן בשביל ישראל, האט זיי נישט געוואלט משנה זיין זייער טבע און זיך שפאלטן פאר די אידן, פארדעם האבן אידישע קינדער געדארפט מעורר רחמים זיין און זיך מוסר נפש זיין כדי די ים זאל זיך שפאלטן, און פארדעם ווען עס איז געווען שינוי הטבע, האבן זיי געלויבט דעם אייבערשטן אויף די גרויסע ניסים, וואס איז געווען א גרויסע חידוש אין סדר הבריאה.

אבער דא ביי די ניסים פון נחלי ארנון וואס עס איז שוין געווען נאך מתן תורה, ווען די וועלט האט שין אנערקענט אז זי איז באשאפן געווארן בשביל התורה, ובשביל ישראל, האבן זיי שוין נישט געדארפט מעורר רחמים זיין פארדעם, נאר די בערג האבן זיך פון זיך אליין צוזאם גערוקט כדי צו ראטעווען די יודן.

און פארדעם האבן יודישע קינדער נישט געזינגען שירה אויף די עצם הנס, ווייל עס איז נישט קיין נס אז די בריאה טוט זיך משנה זיין לטובת ישראל, פארדעם זענען זיי דאך באשאפן געווארן. משא"כ טובת הבאר ווי רש"י הקדוש איז מפרש אז די באר האט יורד געווען אין די נחל און ארויפגעברענגט פון דארט זרועות און איברים און די דם ההרוגים, כדי מודיע צו זיין פאר יודישע קינדער די ניסים וואס דער אייבערשטער האט געטון מיט זיי, אויף דעם האבן זיי שוין יא געזינגען שירה, אז דער אייבערשטער האט געטוהן מיט זיי א עקסטערע חסד להודיע גבורותיו, און אזוי וועלן זיי וויסן זיין ליבשאפט וואס ער האט אויף אונז.

(עבודת עבודה פתג"ק)

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **שמואל יעקב ניימאן** הי"ו (בארא פארק)
לרגל שמחת אירוסי בתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצוזאגן ביים שבת טיש

## א תורה אויף די פרשה

### פרשת חוקת

#### זאת חקת התורה.

"זאת" איז בגמטריי "צום קול ממון" וואס דאס מיינט "תשובה תפלה צדקה" דאס קומט אונז צו לערנען אז צוזאמען מיט תורה דארף מען אויך האבן, תשובה תפלה און צדקה, און נאר אזוי קען מען ריכטיג צוקומען צו תורה.

(אמרי חיים)

#### זאת חקת התורה.

רש"י הק': לפי שהשטן ואומות העולם מונין את ישראל לומר מה המצוה הזאת ומה טעם יש בה.

ווען א מענטש וויל טוהן א מצוה, קומט דער יצר הרע און זאגט פארן מענטש, דו דארפסט דאס נישט טוהן, עס איז נישט קיין מצוה. און אויב דער מענטש שטארקט זיך און פאלגט אים נישט, און טוט יא די מצוה, קומט ווייטער דער יצר הרע נאך דעם וואס דער מענטש האט געטוהן די מצוה, און רעדט אים איין ער זאל זיך האלטן שטאלץ מיט די מצוה וואס ער האט געטוהן, אזוי וועט ער פארלירן דעם שכר פון די מצוה.

האט דער הייליגער רבי ר' מאיר'ל פרימישלאנער זי"ע דאס אריין געטייטשט אינעם רש"י די וואך, לפי שהשטן ואומות העולם מונין את ישראל, בעפאר א איד וויל טוהן א מצוה קומט דער שטן איבער רעדן די אידן און זאגט מה המצוה הזאת וואס איז דען די מצוה וואס דו טוסט, עס איז דאך נישט קיין מצוה. און נאך דעם וואס דער איד האט געטוהן די מצוה קומט ווייטער דער יצר הרע און זאגט מה טעם יש בה, קוק ווי חשוב און גרויס איז דער טעם פון די מצוה, דו ביסט אזוי חשוב דו האסט דאך געטוהן אזא גרויסע מצוה, און ער וויל מאכן אז דער מענטש זאל זיך האלטן גרויס.

גיבט רש"י אן עצה וואס מען זאל טוהן כדי נישט צו ווערן אריין געכאפט אינעם נעטץ פון דעם יצר הרע, גזירה היא מלפני, מלפני טייטשט בעפאר, בעפאר מען טוט די מצוה דארף מען וויסן גזירה היא דאס איז א גזירה וואס דער אויבערשטער האט געהייסן עס איז יא א מצוה, און מען דארף פאלגן וואס דער אויבערשטער האט געהייסן. און נאך די מצוה זאגט מען אים ואין לך רשות להרהר, דו האסט נישט קיין רשות נאך צו טראכטן, אחריה נאך דעם וואס דו האסט געטוהן די מצוה, נאר עס זאל זיין ביי דיר אזוי ווי דו וואלסט נישט געטוהן די מצוה כדי דו זאלסט זיך נישט האלטן גרויס.

(דברי מאיר)

#### הוא יתחטא בו ביום השלישי וביום השביעי.

ביום השלישי ווייזט אויף די תורה הקדושה, אזוי ווי די גמרא (מסכת שבת, אוריין תליתאי) רעכנט אויס אסאך זאכן וואס די תורה איז געדריטעלט מיט, עס איז געגעבן געווארן דורך משה רבינו וואס ער איז פון שבט לוי וואס זיי זענען די דריטע, צו די אידן וואס זענען איינגעטיילט אויף דריי כהן לוי ישראל, און נאך עטליכע זאכן וואס די תורה איז געדריטעלט. יום השביעי ווייזט אויף שבת קודש וואס איז דער זיבעטער טאג אין דער וואך.

דאס וויל די תורה אונז דא זאגן, הוא יתחטא בו אז א מענטש וויל זיך רייניגן, ער וויל אז דער אויבערשטער זאל אים מוחל זיין זיינע עבירות, דארף מען טוהן די צוויי זאכן, איינס ביום השלישי מען דארף לערנען תורה. וביום השביעי און מען דארף היטן שבת קודש ווי עס דארף צו זיין, און נאר אזוי קען מען זיך רייניגן פון עבירות.

(באר מים חיים)

### פרשת בלק

#### וירא בלק בן צפור את כל אשר עשה ישראל לאמורי.

דארף מען פארשטיין עטליכע זאכן, איינס דאס לשון "לאמורי". פארוואס זאגט נישט דער פסוק לסיחון מלך אמורי ולעוג מלך הבשן.

שטייט ווייטער ויגר מואב מפני העם וכו' כי רב הוא, וואלט געדארפט שטיין כי רב הם א לשון רבים.

אזוי אויך פארוואס שטייט אז ער האט מורא געהאט ווייל זיי זענען אסאך, דער עיקר שרעק איז דאך געווען ווייל אידן געווינען די מלחמות נישט אזוי ווי די וועלט, איז דאך נישט דער שרעק וועגן דאס פילקייט.

עתה ילחכו הקהל, דאס ווארט הקהל דארף א הסבר פארוואס שטייט נישט ווי איבעראל, ישראל אדער העם.

ברענגט דער מאור ושמש אז ער האט געהערט ווען דער הייליגער רבי ר' זושא זי"ע האט געפרעגט זיין ברודער דער הייליגער רבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע ווי אזוי פועל'ט ער אויס ביים אויבערשטן די וואונדערליכע ניסים ונפלאות, האט דער רבי ר' אלימלך געענטפערט אז דאס איז דורך דעם וואס עס איז דא צווישן די צדיקים און די אידן אחדות, און דעם זכות פון אחדות געווינט מען די מלחמות אזוי ווי מען טרעפט אז אין די צייטן פון אחאב כאטש די אידן האבן געדינט די עבודה זרה האבן זיי געווינען די מלחמות ווייל עס איז געווען אחדות צווישן זיי.

דא אין מדבר זענען די אידן געווען ערליך און באחדות, דערפאר האט דער אויבערשטער ערפילט זייער געבעט, און מיט זייערע רייד האבן זיי אויסגע'פועל'ט ביים אייבערשטן אז די פיינט זאלן האבן א מפלה. דאס איז מרומז אין פסוק וירא בלק בן צפור, בלק בן צפור האט פארשטאנען אז אלעס וואס די אידן האבן געטוהן איז געווען לאמורי, וועגן זייער רעדן, וועגן זייערע תפילות.

האט ער מורא געהאט כי רב הוא, כאטש אידן זענען פיל פונדעסטוועגן זענען זיי באחדות "הוא" (א לשון יחיד) דערפאר שטייט כי רב הוא אז זיי זענען פיל אבער ווי איינס, דאס האט ער ווייטער געזאגט אז עתה ילחכו הקהל, יעצט וועט די קהל די אידן מיט דעם וואס זיי האלטן זיך אינאיינעם וועלן זיי בייקומען די גוי'אישע פעלקער.

(מאור ושמש)

#### הנה כסה את עין הארץ.

די עיקר קדושה פון א מענטש איז שמירת עינים זיך היטן דאס אויגן נישט צו זעהן קיין שלעכטע זאכן, בלק האט געזעהן אז די אידן זענען זייער שטארק אפגעהיטן פון זעהן די שלעכטע זאכן וואס זענען אויף די ערד, דאס האט ער געזאגט, דאס פאלק וואס איז ארויס פון מצרים זענען זייער גרויס אין קדושה ווי אזוי וועלן מיר זיי קענען ביישטיין.

(תפארת שלמה)

## א מעשה אויף די פרשה

#### הן עם לבדד ישכון ובגוים לא יתחשב.

דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע איז אמאל געגאנגען אין א מקוה, וואס האט זיך געפינען אין א גוי'אישע געגענט, דער בעש"ט הק' האט מורא געהאט אז ווען ער וועט ארויס קומען פון מקוה וועלן די גוים אים אנרירן און ער וועט ווערן טמא, און ער וועט זיך דארפן איבער טובל'ן.

מיטאמאל הערט ער ווי איין גוי זאגט פארן אנדערן: זאלסט נישט אנרירן דעם אומריינעם איד.

מיט דעם קען מען טייטשן דעם פסוק: הן עם לבדד ישכון, די אידן זענען אן עקסטערע פאלק, ווי אזוי קענען זיך די אידן האלטן אפגעשייד פון די גוים, ווייל ובגוים לא יתחשב ווייל ביי די גוים האט ער נישט קיין חשיבות, און דאס איז א גרויסע טובה פאר א איד אז ער קען זיין אפגעזונדערט פון דעם גוי.

(דגל מחנה אפרים)

# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

# די דריי וואכן

## די איין און צוואנציג טעג פון בין המצרים

עס שטייט אין פסוק (ירמיהו א' י"א) ירמיהו הנביא האט געזאגט, ויהי דבר ה' אלי דער אייבערשטער האט צו מיר אזוי געזאגט, מה אתה רואה ירמיהו וואס זעהסטו ירמיהו?, ואומר מקל שוקד אני רואה האב איך געזאגט א צווייג פון א מאנדל בוים זעה איך, ויאמר ה' אלי היטבת לראות האט דער אייבערשטער מיר געזאגט, האסט גוט געזען, כי שוקד אני על דברי לעשותו, ווייל אזוי ווי דער מאנדל בוים גיבט ארויס אירע מאנדלען שנעל, אזוי אויך וועל איך שנעל אויספירן מיינע ווערטער וואס איך האב געזאגט, חרוב צו מאכן דעם בית המקדש, ווייל די אידישע קינדער זונדיגן.

רש"י הקדוש ברענגט א מדרש אז וועגן דעם האט דער אייבערשטער געוויזן א צווייג פון מאנדלען, ווייל דער מאנדל בוים גיט ארויס מאנדלען נאך איין און צוואנציג טעג פונעם אנהייבן צו בליען, דאס האט דער אייבערשטער געוויזן פאר ירמיהו, אז אזוי פיל טעג וועט געדויערן דער חורבן, וואס דאס איז 21 טעג, פון שבעה עשר בתמוז וואס דעמאלטס האט זיך אנגעהויבן דער חורבן, ביז תשעה באב וואס דעמאלטס איז דער בית המקדש פארברענט געווארן.

דער ראגאטשאווער גאון זצ"ל האט געזאגט: אז וועגן דעם האט דער אייבערשטער געוויזן א מאנדל בוים, ווייל מאנדלען, ווען זיי זענען קליין זענען זיי ביטער, און ווען זיי ווערן גרעסער ווערן זיי זיס, און וועגן דעם האט דער אייבערשטער געוויזן פאר ירמיהו הנביא א צווייג פון מאנדלען, מרמז צו זיין אז אפילו פון אנהייב וועט דאס זיין ביטער, אבער צום סוף וועט דאס זיין זיס, די טעג וועלן ווערן איבערגעדרייט צו טעג פון ששון ושמחה.

## די גרויסקייט פון די בין המצרים

די ספרים הקדושים שרייבן, אז כאטש די בין המצרים זענען טעג פון צער און אבלות, אבער פון די אנדערע זייט זענען די טעג גאר א הויכע מדריגה, און מען קען אין די טעג נאנט ווערן צום הייליגן באשעפער מער פון אנדערע טעג פון יאר.

## די קדושה פון די הייליגע טעג

דער הייליגער אפטא רב זי"ע שרייבט: "ימי בין המצרים הם מקוריים ושרשיים לכל המועדות של השנה", אז די טעג פון בין המצרים זענען דער מקור און שורש פון אלע ימים טובים פונעם יאר, די איין און צוואנציג טעג פון שבעה עשר בתמוז ביז תשעה באב, זענען קעגן די איין און צוואנציג טעג פון די ימים טובים פונעם יאר וואס זענען מן התורה, (סוכות מיט שמיני עצרת, אכט טעג [8], פסח, זיבן טעג [15], ראש השנה, צוויי טעג [17], יום כיפור [18], שבועות [19], שבת [20], ראש חודש, [21]) און אין די טעג ליגן באהאלטן א געוואלדיגע הייליגקייט, נאר יעצט האבן מיר נישט די זכיה נהנה צו זיין פון זיי, אבער לעתיד לבוא וועלן די טעג שיינען (אוהב ישראל).

נאך האט געזאגט דער הייליגער אפטא רב זי"ע: די פרשה פון די ימים טובים וואס שטייט אין פרשת פנחס, ליינט מען צוויי מאל א יאר, איינמאל אין פרשת פנחס, וואס דאס קומט אויס אין די דריי וואכן, די צווייטע מאל אין די ימים טובים, ווייל די דריי וואכן וועלן אויך זיין לעתיד לבוא איינע פון די ימים טובים.

און אזוי שרייבט אויך דער הייליגער מאור ושמש (פרשת פנחס) איך האב געהערט פון צדיקים ז"ל, אז די איין צוואנציג טעג פון שבעה עשר בתמוז ביז תשעה באב, זענען קעגן די איין און צוואנציג טעג פון ראש השנה ביז שמחת תורה, נאר די טעג פון בין המצרים זענען באהאלטענע טעג [אתכסיא], און די טעג פון ראש השנה ביז שמחת תורה זענען אפענע טעג [איתגליא].

דער הייליגער רוזשינער זי"ע האט נאכגעזאגט פון זיין טאטן הרה"ק רבי שלום מפרהוביטש זי"ע, אז פון די דריי וואכן ווייסט ער וויאזוי עס וועלן אויסזעהן די הייליגע טעג, ווייל יעדע טאג פון די דריי וואכן איז א קעגן איינע פון די הייליגע טעג.

## ימי סליחה וכפרה

דער מהרש"א שרייבט: אז פונקט אזוי ווי די 21 טעג פון די הייליגע טעג, זענען דערהויבענע טעג פון סליחה וכפרה דורך שמחה, אזוי אויך זענען די 21 טעג פון שבעה עשר בתמוז ביז תשעה באב, דערהויבענע טעג פון סליחה וכפרה, נאר זיי זענען דורך צער און וויטאג, אבער ביידע צייטן זענען טעג וואס איז א טובה פאר כלל ישראל. (מהרש"א בכורות דף ח' ע"ב).

## שלש רגלים

דער הייליגער רבי פון לובלין זי"ע האט געזאגט: אז די דריי וואכן זענען קעגן די שלשה רגלים "פסח שבועות סוכות" (אבני

מעומק הלב פנימה, וברגשי גיל חדוה ושמחה, כסא דברכתא נרימה, בקול צהלה נעימה, בברכת מזלא טבא לחברינו היקר בקרב לבינו צמודים וקשורים, נודע בשערים במדותיו הישרים, פאר המעלות ונועם המידות, המופלג בתוי"ש ובחסידות ה"ה

**החתן מרדכי פרושינובסקי נ"י**

ממצויני תלמידי ישיבתינו הק' אוה"ח בקריתינו הק'

בן הרה"ח ר' אהרן הי"ו

לרגל שמחת אירוסיו למז"ט ובשעטו"מ

ברכותינו צרופות שיזכה להעמיד בית נאמן בישראל ע"ד המסורה לנו מרביה"ק זי"ע ויבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א, והבית בהבנותו יהא מלא ברכת ה' על כל גדותיו, מתוך רב נחת והרחבת הדעת אושר ועושר, דורות ישרים ומבורכים, עדי נזכה לביאת משיח צדקינו ומלכנו בראשינו בב"א

**המברכים ברגשי אהבה המסותרת בינינו**
**חבירך תלמידי הישיבה הלומדים אתך בצל הקודש**
**גדול העונה יותן מן המברך**
**ארי' סאנדעל - דוד הערשקאוויטש**

זכרון עמוד רכ"ד).

דער הייליגער רוזשינער זי"ע האט געזאגט: דער אייבערשטער ווייסט דעם אמת, אז אין מיינע יונגע יארן ווען איך האב געהאט כח, האב איך געשפירט יעדן טאג פון די דריי וואכן א נייער אור, די איין אין צוואנציג טעג פון בין המצרים זענען געגליכן צו די טייערע שטיינער וואס געפונען זיך אונטער די הרי חושך, וואס כאטש מען קען נישט זעהן זייער ליכטיגקייט, ווייל זיי זענען איינגעהילט אין א פונצטערניש, אבער ווער עס קוקט גוט, זעהט זייער ליכטיגקייט, ווען משיח וועט קומען, וועלן די דריי וואכן לייכטן און זיין ימים טובים, א קעגן די שלש רגלים.

דער הייליגער אר"י הקדוש זי"ע איז מבאר דעם פסוק (שמות ל"ב ה') וואס שטייט בשעת די אידן האבן געמאכט דעם עגל רח"ל, "ויקרא אהרן ויאמר חג לה' מחר", אהרן הכהן האט געזאגט אז מארגן וועט זיין א יום טוב, די חז"ל זאגן יש מחר לאחר זמן, אהרן הכהן האט מרמז געווען אז דער יום טוב וואס האט געדארפט זיין אין שבעה עשר בתמוז, און יעצט איז עס פארשטערט געווארן צוליב די עגל, דער יום טוב וועט נאך זיין מארגן, דאס מיינט ווען משיח וועט קומען, און אלע טעג וועלן איבערגעדרייט ווערן צו ימים טובים.

## והיית אך שמח

רש"י זאגט (פרשת ראה ט"ז ט"ו) אויפן פסוק "והיית אך שמח", אז דאס איז נישט בלויז א ציווי אז מען זאל זיין פריילעך אום יום טוב, נאר ס'איז אויך א הבטחה, זאגן ספרים הקדושים, אז "אך" גייט ארויף אויף די 21 טעג פון בין המצרים, אז די תורה זאגט צו א הבטחה, והיית "אך" שמח, אז די 21 טעג וואס זענען יעצט ימי אבילות, ביים סוף וועלן זיי זיין טעג פון שמחה.






# מאור התורה

ציצים ופרחים על עניני הפרשה

## בארה של מרים

איינער פון די אייניקלעך פון הרה"צ ר' יעקב פיש מ'קאלוב דערציילט נאך פון זיין זיידע, אז איינמאל ערב יום הקדוש פארנאכטס, ווען די עולם איז שוין געווען אין שוהל אנגעטון אין די קיטלעך, איבערגעדעקט מיט די טליתים, און געזאגט תפלת זכה, איז הרה"ק ר' אייזיק'ל קאלובער זי"ע צוגעקומען צו ר' יעקב און געזאגט, "שפאנט איין פערד און וואגן ווייל איך פארן שפאצירן", עס איז געווען זייער אינטערעסאנט פאר ר' יעקב, אבער אז די רבי' הייסט פאלגט מען, ער איז גלייך אהיימגעגאנגען, און שנעלערהייט איינגעשפאנט זיין פערד און וואגן פאר'ן רבי'ן, און די הייליגע קאלובער זי"ע איז ארויף אויפן וואגן צוזאמען מיט ר' יעקב, און זיי זענען צוזאמען ארויסגעפארן פון שטאט, און צוגעפארן צו די פעלדער פון ר' יעקב, ערגעץ אינמיטן די פעלדער האבן זיי געטראפן א קליין וואסער'ל, און ר' אייזיק'ל האט זיך אויסגעטון די קליידער און אריין געגאנגען אין די וואסער זיך טובל'ען, און ער האט זיך גע'טובל'ט זייער אסאך.

ר' יעקב האט זיך זייער געוואונדערט ווייל ער געדענקט נישט אז דארט זאל בכלל זיין א וואסער, איז ווי איז יעצט אנגעקומען דארט דעם וואסער, און וואס איז אזוי ספעציעל פון דעם וואסער, אז ר' אייזיק'ל האט געדארפט ארייכאפן שנעל פאר יום הקדוש זיך צו טובל'ען אין דעם.

ווען די קאלובער האט זיך געענדיגט טובל'ען איז ער צוריק ארויסגעקומען פון די וואסער און זיך צוריק אנגעטון זיינע קליידער און צוריק ארויף אויפ'ן וואגן, און זיי זענען צוריק געפארן צום בית הכנסת, און ר' אייזיק'ל איז צוגעגאנגען צום עמוד, און אנגעפאנגען כל נדרי.

מוצאי יום הקדוש האט ר' יעקב צוריק געפארן צו זיינע פעלדער, און ער איז געגאנגען אויפזוכן דעם קליינעם וואסער, ווי ר' אייזיק'ל האט זיך גע'טובל'ט, אבער צו זיין וואונדער איז נישט געווען דארט קיין שום וואסער.

פארוואונדערערהייט איז ער אריין געגאנגען אל הקודש פנימה, און ער האט געפרעגט פונעם רבי'ן וואס איז געווען די טייך, און פארוואס ער האט זיך דארטן גע'טובל'ט, האט ר' אייזיק'ל אים געענטפערט, "רבי יעקב האט קיין שכל געהאט זיך אויך טובל צו זיין, בארה של מרים איז דעמאלט דורך געגאנגען, האב איך מיר טובל געווען".

*

צדיקים האבן געזאגט אז די הייליגע אר"י הקדוש האט זיכער געגעבן צו טרינקען פאר רבי חיים וויטאל פון די בארה של מרים, און מיט אט די כוחות, און אינאיינעם מיט זיין הויכע נשמה און מיט די כח פון די אר"י הקדוש, האט רבי חיים וויטאל געקענט מקבל זיין אזוי סאך, ווייל באמת איז א פלא אז אין בלויז 2 יאר וואס די אר"י הקדוש האט געלערנט מיט ר' חיים וויטאל האט רבי חיים וויטאל קונה געווען און אפגעשריבן די אלע גרויסע ענינים ורמים וואס שטייען אין די כתבי האר"י ז"ל.

*

עס איז באקאנט די מעשה וואס האט זיך אפגעשפילט ביי רביה"ק זי"ע, אז די שוועסטער הרבנית לייפער ע"ה האט אלס מיידל זיך איינמאל נישט גוט געפילט, ז' האט געהאט האלדז ווי', איז ז' צוגעגאנגען צו איר הייליגע ברודער רביה"ק זי"ע, וואס איז נאך דעמאלטס געווען א בחור, און די רבי האט איר געזאגט אז מוצאי שב"ק גייט ער איר קענען העלפן, ווען עס איז געקומען מוצאי שבת, האט די רבי' גענומען א שמאטע און ארויס געגאנגען אינדרויסן און נאך א שטיק צייט צוריק געקומען, און איר געזאגט אז ער האט עס יעצט גע'טובל'ט אין בארה של מרים, און דאס גייט זיין איר רפואה, און ז' זאל עס לייגן ארום איר האלדז, און ז' גייט ווערן אויסגעהיילט. וכך הוה.

## פרשת בלק

דער הייליגער עטרת צבי זי"ע (יומדה"ק ערשב"ק העעל"ט) פלעגט זיך פירן צו זאגן ביי סעודת שלישית זייער א לאנגע תורה, אבער ווען עס איז געקומען שבת פרשת בלק האט נישט געזאגט קיין תורה א גאנצע שבת.

דער הייליגע בני שלשים פון קאסאן זי"ע (ועוד צדיקים) איז מסביר די טעם דערפון, אז אזוויו מען זעהט אין נועם אלימלך אז פרשת ויקהל איז נישט דא קיין דברי תורה, ווייל דער הייליגער רבי ר' אלימלך מ'ליזענסק זי"ע איז נפטר געווארן כ"א אדר וואס רוב שנים פשוטות קומט דאס אויס פרשת ויקהל, די זעלבע זאך איז געווען בים עטרת צבי זי"ע, אז ער איז נפטר געווארן י"א תמוז, וואס דאס קומט אייביג אויס פרשת בלק, צוליב דעם פלעגט ער שבת פרשת בלק נישט זאגן קיין דברי תורה.

עס ווערט געברענגט נאך פארשידענע טעמים וואס צדיקים האבן געזאגט פארוואס ער פלעגט נישט זאגן קיין תורה פרשת בלק, און ער אליינס האט אויך געזאגט פארשידענע טעמים.

צום ביישפיל האט דער עטרת צבי זיך אמאל אויסגעדרוקט, "ווי קען איך עפענען מיין מויל אין די זעלבע וואך וואס די רשע האט געעפענט זיין מויל".

נאך א טעם האט ער געזאגט, ווייל אלע זיינע חידושים שטייט שוין אין זוהר הקדוש אין די פרשה בשם די ינוקא, און צדיקים פלעגן זאגן, - און ער אליינס האט דאס מעיד געווען אויף זיך - אז ער האט געהאט די נשמה פון די ינוקא וואס ווערט דא געברענגט אין זוהר הקדוש.

נאך א טעם ווערט געברענגט, אז מען קען זאגן, לויט די מעשה וואס איז געווען ביים הייליג'ן אר"י הקדוש אז ער פלעגט זיך פירן יעדע שבת נאכמיטאג זיך אראפצולייגן שלאפן פאר צוויי דריי שעה, און עס איז געווען אמאל שבת פרשת בלק, אז זיין תלמיד ר' אברהם הלוי איז אריינגעקומען אין צימער, ווען די אר"י הקדוש האט געהאלטן אינמיטן שלאפן, און ער האט באמערקט ווי די הייליגע

# פתיחת כלים בשבת

בו יתברר האיך לפתוח בשבת כל מין כלי כדרכו ואופנו
נכתב ע"י הרה"ג ר' נתן ירמי' גאלדשטיין שליט"א בעל מח"ס מגדנות נתן

**המשך משבוע העבר**

**טאמער מען עפנט שבת די זילבער פאפיר מיט א שינוי, זאל מען נישט אוועקלייגן די לעפל** (וואס קומט מיט דער קען) **אין די קען אפילו נאך שבת, אויך זאל מען ער נישט צוריק גיסן קיין פארמולא אין דעם קען** (למשל ווען ער נעמט ארויס פארמולא מיטן לעפל פארן קינד, און עס איז דא צופיל אינעם לעפל) **אפילו נאך שבת** (כדי עס זאל נישט ווערן קיין פתח להכניס ולהוציא) [1].

## סעיף ו

**א טו"ב** (tube) **פון מייאנעז וואס ווען מען עפנט דאס אויף, ברעכט זיך אפ א שטיקל פונעם דעקל.**

**מען טאר עס נישט עפענען ווייל עס ווערט א נייע לאך [פתח] אינעם טו"ב** (Tube) [2]**, און אויך ווייל מען פאררעכט דעם דעקל.**

**די עצה:** צו מאכן א לאך אין די טו"ב (מיט די שפיץ פון א מעסער א.ד.ג.) **ערגעץ פון די זייט אונטן, און ארויסדרוקן פון די לאך "מיט איינמאל" די גאנצע מייאנעז וואס מען דארף פאר שבת, און מער נישט נוצן יענע לאך** [3] (נאך שבת קען מען עס צוריק פארקלעבן מיט טעפ, און עפענען געהעריג דעם דעקל פון אויבן).

---

**1** די היתר צו עפענען מיט א שינוי ווען עס איז זייער וויכטיג, איז וויבאלד דאס איז נאר אן איסור דרבנן. ווייל די עפענונג [פתח] פונעם קען נוצט מען נאר צו ארויסנעמען פון די פארמולא, און מן התורה איז נישט אסור ווען מען מאכט א עפענונג [פתח] נאר אויב עס איז געמאכט סיי אויף ארויסצונעמען און סיי אויף אריינצולייגן [להכניס ולהוציא], אבער אויב עס איז געמאכט נאר אויף ארויסצונעמען איז עס נאר אן איסור דרבנן (זעה פרק ג' סעיף א'). וועגן דעם האבן מיר געשריבן אז ער זאל נישט צוריק לייגן די לעפל אין די קען אפילו נאך שבת, און אויך זאל ער נישט צוריקלייגן פון די פארמולא נאכן ארויסנעמען, ווייל דעמאלס וועט דער עפענונג [פתח] זיין א פתח אויך אויף אריינצולייגן, וואס איז אסור מן התורה, און מען טאר דאס נישט עפענען אפילו מיט א שינוי.

**2** ווייל ווען די טו"ב קומט אן צו די קאמפאני איז די טו"ב פארמאכט פון אויבן, און די דעקל איז צוגעקלעבט צו די טו"ב. די קאמפאני לייגט אריין די מייאנעז אין די טו"ב פון אונטן, און דערנאך פארקלעבן זיי עס אויך פון אונטן. קומט אויס אז די טו"ב איז נאך קיינמאל נישט געווען אפן פון אויבן, און יעצט ווען ער עפנט דאס דעקל פון אויבן מאכט ער א נייע עפענונג אין די טו"ב (וואס איז אסור צוליב מאכן א פתח).

**3** ווייל אז מען נוצט די עפענונג נאר איינמאל איז נישט דא דערביי קיין איסור פון פתח (זעה פרק ג' סעיף ג).

אר"י הקדוש שאקלט זיין ליפן, און זאגט ווערטער.

ווען די אר"י הקדוש האט זיך אויפגעוועקט, האט ער אים געפרעגט וואס ער האט געשעפשעט אינמיטן זיין שלאף, האט אים די אר"י הקדוש געענטפערט אז ער איז יעצט געווען אויבן בישיבה של מעלה, און מען האט דארט עוסק געווען אין די מעשה פון בלק און בלעם, האט אים זיין תלמיד ר' אברהם געבעטן צו ער קען אים אפשר אביסל איבער דערציילן פון די סודות התורה וואס ער האט מקבל געווען אויבן אין הימל, האט די אר"י הק' געענטפערט אז אפילו איך גיי יעצט דרש'נען פאר אכציג יאר אין א צי בייטאג און ביינאכט בלי הפסק, וועל איך אויך נישט קענען איבערגעבן אלעס וואס איך האב יעצט מקבל געווען דארט.

דאס איז טאקע איינע פון די סיבות וואס ווערט געברענגט פארוואס דער עטרת צבי זי"ע האט נישט געוואלט זאגן קיין דברי תורה אין שבת פרשת בלק, ווייל דער הייליגע אר"י הקדוש האט געזאגט אז מען קען נישט ארויסזאגן מיט די מויל די אלע סודות וואס זענען מרומז אין פרשת בלק, אויך פלעגט הרה"ק ר' אייזיק'ל זידיטשויב'ער זיך פירן נישט צו זאגן קיין סאך דברי תורה אין די פרשה, היות זיין פעטער דער עטרת צבי האט נישט געזאגט קיין תורה, און ר' אייזיק'ל האט אויך נאכגעזאגט בשם זיין פעטער, אז אין די פרשה ווערט ארומגערעדט זאכן וואס עס גייט זיין באחרית הימים און דער עטרת צבי האט מורא געהאט אז ער גייט רעדן פון די קץ הגלות.

# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיודה"ל חל בשבוע הבעל"ט

## הרה"ק רבינו העטרת צבי מ'זידיטשוב זי"ע

*דעם היינטיגן עש"ק חק"ב, י"א תמוז, איז אויסגעפאלן די יומא דהילולא קדישא פונעם הייליגער עטרת צבי פון זידיטשוב, דער שר בית הזוהר, רבינו צבי הירש בן הרה"ק רבי יצחק אייזיק זי"ע.*

### ואלה מתולדותיו

דער הייליגער עטרת צבי, דער שר בית הזוהר זי"ע, איז געבוירן געווארן אין יאר תקכ"ג, אינעם דערפל סאפרין. זייענדיג נאך א יונג קינד פלעגן שוין די גרויסע השגות שלאגן ווארצלען, ווען ער פלעגט טעגליך לערנען 7 דפים גמרא, און ער פלעגט דאס יעדן טאג איבערחזר'ן 7 מאל, אזוי ארום האט ער געענדיגט 7 מאל ש"ס יעדע יאר.

דער עטרת צבי האט זיך קונה געווען דער טיטעל "שר בית הזוהר". וויבאלד ער פלעגט דורכאויס זיין גאנץ לעבן עוסק זיין אין תורת הנסתר און אין תורת הקבלה, און אזוי אויך זיין גאנצע אויפפירונג בדרכי עבודת ה', איז געווען געבויעט אויפן דרך הקבלה.

צדיקים פלעגן זאגן אז זה"ר איז ראשי תיבות ר'בי ה'ערשעל'ע ז'ידיטשובער.

דער עטרת צבי האט זיך מסתופף געווען צווישן די צדיקים: החוזה מ'לובלין, רבי ברוך מ'מעזיבוז, המגיד הק' מ'קאזניץ, רבי משה לייב מ'סאסוב, רבי משה מ'פשעוואורסק, רבי מענדל'ע מ'רימנוב, רבי אברהם יהושע העשיל מ'אפטא, זכותם יגן עלינו.

אין יאר תקצ"א האט זיך פארשפרייט א שרעקליכע מגיפה, און אסאך אידן זענען דאן ליידער אוועק. דער עטרת צבי האט גענומען אויף זיך די גזר מיתה, און אין י"א תמוז תקצ"א, איז ער נסתלק געווארן, און דערמיט אפגעשטעלט די מגיפה.

דער עטרת צבי האט איבערגעלאזט נאך זיין פטירה אסאך כתבי קודש, און פון דעם איז שפעטער געדריקט געווארן די הייליגע ספרים: עטרת צבי על הזוה"ק, צבי לצדיק על תיקו"ז, פרי קודש הילולים, בית ישראל, סור מרע ועשה טוב.

אין די ספרים זענען געדריקט הסכמות וואס גדולי וצדיקי דורו האבן געשריבן אויף זיינע ספרים, ווי אלע לויבן אויס די גרויסקייט און הייליגקייט פונעם עטרת צבי מיט הפלא'דיגע לשונות.

### ובקרב קדושים תתהלל

דער הייליגער רבי יהודה צבי פון ראזלא זי"ע האט אמאל געזאגט אויפן עטרת צבי: "זיין כח אין קבלה קען איך אויך באווייזן, אבער זיין הייליגע פארכטיגקייט פארן באשעפער, דאס קען איך נישט נאכמאכן".

נאך האט דער הייליגער רבי יהודה צבי פון ראזלא געזאגט: "איך בין מעיד אויף מיין שווער, דער עטרת צבי, אז עס איז נישט פארהאנען אפילו איין פסוק אין גאנץ תנ"ך וואס ער האט נישט מחדש געווען רזין דאורייתא"...

דער עטרת צבי, פלעגט פארלערנען פאר זיינע תלמידים 6 שעה טיפזיניגע פלפולים, וואס א מענטשליכער מוח קען נישט פארשטיין, און די תלמידים זענען געזיצן ארום אים און געדארפט אנכאפן זייערע קעפ צו קענען פארשטיין דעם שיעור וואס דער עטרת צבי לערנט פאר.

דער הייליגער רבי אייזיק'ל קאמארנא'ר זי"ע שרייבט איבער רבו המובהק דער עטרת צבי ווי פאלגענד: "איך האב זעלבסט געזעהן מיט מיין אויגן דעם פנים פון מורי דודי רבינו צבי, ווי זיין פנים האט געפלאמט ווי דער זון אינמיטן טאג, און מיט זיין הייליג שיין האט ער נאך מכבה געווען גלגל חמה, דאס האב איך זוכה געווען



# לוח היארצייטן

יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

### זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| ט"ו תמוז | הרה"ק רבינו חיים בן עטר ב"ר משה זי"ע - בעל האור החיים הק' | תק"ג |
| ט"ו תמוז | הרה"ק רבי יעקב משה בן רבי אליעזר צבי זי"ע - מ'קאמארנא | תרפ"ט |

### זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| י"ב תמוז | הרב החסיד ר' יוסף שמואל בן ר' אהרן ע"ה קרויס | תשע"ב | ביה"ח ניו דזערסי (קאסאן) |
| י"ב תמוז | הרב החסיד ר' יעקב צבי בן ר' משה שמואל דוד ע"ה וויינגארטן | תשפ"ב | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| י"ד תמוז | הרב החסיד ר' יוסף מנחם ע"ה בן הרב צבי אלימלך שליט"א האס | תשע"ה | ביה"ח בקרית יואל |

איינמאל צו זעהן".

*

## די הייליגע ספרים פונעם עטרת צבי

דער הייליגער ייטב לב האט אמאל אנגעוויזן אויף איינע פון זיינע ספרים שענק, און האט געזאגט: "זאלט איר וויסן אז אין הייליגן ספר עטרת צבי איז דא מער תוכן ווי פון די אלע ספרים"!!

עס איז מקובל ביי חסידים אז די ספרים פונעם הייליגן עטרת צבי זענען א סגולה פאר אלע ענינים. דער עטרת צבי פלעגט שטענדיג צו געבן פאר זיינע חסידים אלטס סגולה און רפואה פאר פארשידענע ענינים, קונטרסים פון זיינע דברי תורה, און דרושים וסודות התורה.

*

## ווער נאך קען מתקן זיין נשמות

רביה"ק זי"ע פארציילט אין עבו"ע שיח"ק (ח"א עמוד שפ"ז):

דער הייליגער עטרת צבי זי"ע האט הארט בעפאר זיין פטירה זיך צו-וויינט, ווען זיינע נאנטע האבן אים געפרעגט די סיבה פארוואס ער וויינט, האט דער עטרת צבי זיי געענטפערט, "איך זארג זיך אויב עס איז דא נאך איינער אויף די וועלט וואס קען מתקן זיין נשמות אזוי ווי איך האב מתקן געווען". נאכדעם האט ער זיך בארואיגט זאגנדיג אז ער האט געטראפן דעם סטרעטענער זי"ע, וואס ער קען אויך מתקן זיין נשמות.

*

## די אייז קאלטע – ווארימע מקוה

יעדע חצות פלעגט דער עטרת צבי אויפשטיין, גיין ברעכן די אייז, און פלעגט זיך שטעלן צווישן די אייזיגע וואסער, און דארטן פלעגט ער שעות אויף שעות לערנען די ספר הזוהר, און אזוי אויך זאגן תהילים.

עס איז געווען א תקופה וואס די דאקטוירים פונעם עטרת צבי האבן אים נישט געלאזט זיך טובל'ן אין קאלט וואסער צוליב זיין געזונט-צושטאנד, און עס האט זיך געגרעניצט מיט מסירות נפש, מען האט געהאט געשטעלט דער הייליגער זרע קודש פון ראפשיץ זי"ע זאל רעדן צום עטרת צבי, אז ער זאל זיך נישט גיין טובל'ן, אבער פארטאגס ווען דער זרע קודש איז אנגעקומען צום הויז פונעם עטרת צבי, איז ער שוין געווען ביים טייך זיך טובל'ן.

דער זרע קודש איז באלד אריבערגעגאנגען צום טייך, און ער האט גערעדט צום עטרת צבי איבער די שעדליכקייט פון אייזיגע וואסער אין זיין מצב, האט דער עטרת צבי געזאגט צום זרע קודש, לייג אריין די הענט אין וואסער, דער זרע קודש האט אריינגעלייגט זיין הענט אין די וואסער, און געשפירט אז עס איז ווארימע וואסער, ווי דער עטרת צבי האט ווארעם געמאכט די קאלטע וואסער אין די פראסטיגע ווינטער טעג דורך יחודים קדושים, כדי ער זאל זיך קענען מקדש זיין בעפארן לערנען זיינע שיעורים און מחדש זיין דברי תורה ורזין דאורייתא.

*

## ציון המצויינת

דער הייליגער דברי יחזקאל פון שינאווא זי"ע האט אמאל געזאגט, "ווער עס וואוינט אין חוץ לארץ, אדער אויב האט ער נישט געקענט זיין אין מירון אויף ל"ג בעומר, זאל ער זיין אין דעם יומא דהילולא קדישא י"א תמוז אין זידיטשוב, דאן וועט ער מרגיש זיין א טעם מעין פון דעם טעם אין מירון ביי רבי שמעון בר יוחאי.

*

**מיר וועלן די וואך מסיים זיין מיט ברכת הקודש וואס רביה"ק האט געוואונטשן נאכן רעדן פונעם הייליגן עטרת צבי:**

זכות בעל ההילולא יגן בעדינו, שיהיה לנו שבוע מבורך בכל טוב, א געבענטשטע וואך און א געבענטשטע זומער, ולא יהא קל בעיניכם זכותו של בעל ההילולא, העטרת צבי, כי זכותו גדול ונורא מאוד, ומגין בעד כלל ישראל בכל דור ודור, זיין זכות איז נישט איינפאך, נישט איינפאך, כי כל ימי חייו מסר נפשו לה', וזכות מסירות נפשו עומדת לנו.

**זכותו הגדול והקדוש יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.**









אל מעלת כבוד חברינו וידידינו הנאמנים, אנשי שלומינו תלמידי וחסידי כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע, ויבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א.

**נתכבד בזה להזמינכם לבוא ולהשתתף ולהתעלס באהובים בעת שמחת נישואי צאצאינו היקרים, בזמן ובמקום המוגבל הנ"ל, ובעזרת השם בעת שמחתכם ומועדיכם ישמח לבנו גם אנו.**

*המחותנים*

המשך מע' א

נשא "יברך ה וישמרך", און ער האט מיט די ברכות אינזין געהאט יעדעם, און געבענטשט די גאנצע שטאט מיט אלע ברכות הכתובות בתורה.

און פאר דעם האב איך געוואלט ענק זאלן געבן די געלט פאר שבת כדי איך זאל ענק קענען בענטשן מיט די ברכות. און ער האט זיי געזאגט אז ער וויל זיי בענטשן מיט נאך א ברכה. ס'שטייט אין פסוק "ביום השישי נשיא לבני גד אליסף בן דעואל". האט רבי מאיר'ל פון פרעמישלאן געזאגט: "אל יוסף" - עט'ס זאלט'ס נישט שטארבן יונג, "בן דעואל" - עטס זאל האבן קינדער וואס ווייסן פונעם אייבערשטן. און ער האט מסביר געווען פארוואס מען קען בעסער בענטשן נאכן געבן געלט, ווייל עס שטייט אין פסוק "גומל דלים ה'", דער אייבערשטער בענטשט אלע וואס העלפן ארימעלייט. האב איך ענק געוואלט בענטשן נאכן געבן די געלט.

האט דער רבי זאל זיין געזונט געזאגט דערויף ברוב ענותנותו, איך בין געקומען דא אויף שבת, איך האב געמיינט אז איך טו א טובה פאר ענק אז איך קום אויף שבת, למעשה נאכ'ן צוזעהן די עבודה פון די בחורים, מיין איך אז עטץ האטס מיר געטון א טובה וואס איך בין געקומען אויף שבת. איך האב נישט קיין איין פראצענט חרטה וואס איך בין געקומען אויף שבת, האט דער רבי זיך אויסגעדרוקט, זאגנדיג, עטס האט מיר מהנה געווען, עטס האטס מהנה געווען רבינו הק' מיט די אבות הקדושים זי"ע. האט דער רבי אויסגעפירט בברכת קדשו, איך וויל ענק אנוואונטשן די זעלבע ברכה וואס רבי מאי'רל מפרעמישלאן זי"ע האט געוואונטשן, "אל יוסף" - עט'ס זאלט'ס נישט שטארבן יונג, "בן דעואל" - עטס זאל האבן קינדער וואס ווייסן פונעם אייבערשטן.

מ'זעהט טאקע אין די יעצטיגע טעג ביי די בחורים דא אין ישיבה, ווי מען שטייגט מעלה מעלה, מיר האפן אויף נאך שבתים אזוי... און אין די זעלבע צייט דארף מען זיך באדאנקן פאר אלע וואס האבן ארויסגעהאלפן דעם שבת... און אז מ'באדאנקט זיך שוין, מוז מען זיך אויך באדאנקן פארן גליון באור החיים, און פאר די גאנצע מפעל הכביר איחוד טאהש. אסאך הצלחה און סייעתא דשמיא.

א גרויסן יישר כח

## טוב שכן קרוב מאח רחוק...

לכבוד די מערכת. כ'האב געוואלט ארויסגעבן עטוואס מיינע אינערליכע הרגשים פון דעם פראגאנגענעם שבת וואס די בחורי הישיבה גדולה תורת משולם פייש האבן געפראוועט, ווען זיי האבן געהאט די זכי' אז דער רבי שליט"א האט זיך מטריח געווען, און ספעציעל געקומען צו פארן קיין ניו יארק, צו פראווען דעם שבת מיט די בחורי ישיבה גדולה.

באמת האב איך שוין לאנג געקלערט פון שרייבן א בריוו, זייענדיג א שכן טוב פון די ישיבה, קומט מיר אויס אריינצוגיין ביי די תפלות שבת קודש אין ישיבה, און ממש יעדן שבת גלייב איך נישט וואס מיינע אויגן זעען, באוואונדערונג די דרך ארץ און די מדות טובות פון די בחורים.

ב"ה אז שנת תשפ"ו זענען נאך דא ביי כלל ישראל אזעלכע חשובע דערהויבענע בחורים, וועלכע לעבן אריין אין דאווענען, דאס דאווענען איז מיט א חיות וואס מ'זעהט נישט ערגעץ אנדערש.

דער קלימאקס איז געווען דעם שבת מיטן רבי'ן, וואס איז געווען עולה על כולנה, און ס'איז מיר גלייכצייטיג פארענטפערט געווארן מיין תמיה.

צוזענדיג ווי דער רבי לאזט זיך אראפ ממש צו יעדן בחור דורכאויס גאנץ שבת, שמועסט מיט אזא נאטירליכקייט כרחם אב על בנין, די ווארעמע שמועסן במשך אלע סעודות שבת, און אפילו מוצאי שבת גאר שפעט, האט דער רבי מיט אזא פשטות גערעדט פאטערליך דברי הדרכה צו די בחורים... אוודאי נאכן האבן אזא רבי'ן לעבט מען אריין אין א דאווענען און אין א שבת קודש.

די הערצה פון די בחורים צו רבי'ן, און די אמת'ע ווארעמקייט וואס דער רבי ווייזט ארויס פאר יעדן בחור באזונדער, ס'איז א זעלטענהייט בימינו אלו.

ס'איז ממש א קידוש השם, וואו מיר אלע שכנים קוקן ארויף די ישיבה, מיט אירע חשוב'ע מרביצי תורה, מיט אזא ווארעמקייט, דאס איידלקייט, די חסידישע בחורים, א.א.וו.

אשריכם אשריכם. כה לחי.
מ.פ., פה טשעסטער, נ.י.

## די געהויבענע געפילן נאכן שבת מיטן רבי'ן

א גוטן, איך בין א בחור, א תלמיד פון ישיבתינו הקדושה "ישיבה גדולה תורת משולם פייש" אין ניו יארק, די ישיבה של רבי. איך האב געוואלט אביסל ארויסברענגען די געהויבענע געפילן וואס איז אריבער אויף תלמידי ישיבתינו הקדושה אין די יעצטיגע טעג. דער עולם איז נאך אין די הויכע ספערן פון די געהויבענע שבת, די פארלאפענע פרשת בהעלותך, די שבת פאר די הילולא קדישא כ"ח סיון, וואס מ'האט אפגעראכטן בראשות כ"ק מרן רבינו שליט"א, ראש ישיבתינו.

די בחורים זענען אין א מורא'דיגע הויכע אטמאספערע. די בחורים האבן זיך אונטערגענומען קבלות טובות. די בחורים זענען געגאנגען א דרגא העכער פון די שבת. די בחורים זענען מורא'דיג ארויסגעקומען נאך די שבת. דאס איז שוין געזען געווארן ווען מ'האט פארקויפט די זכותים ערב שבת קודש, ווי ס'איז ארויפגעפאלן צו טויזנטער שעות וואס די בחורים האבן זיך אונטערגענומען. מען האט פארקויפט די זכותים פון הגבהת הכוס, זמירות, עליות, אלעס איז ארויפגעפאלן צו הונדערטער שעות פון די בחורים. מ'זעט טאקע אין די יעצטיגע טעג ווי די בחורים הארעווען און האבן א געוואלדיגע חשק צום לערנען.

רבינו שליט"א האט דערציילט א מעשה שבת צופרי ביי די דברות קודש ביי די סעודה, נאך די דרשה פון הרה"ג ר' חיים הערש מייזלעס שליט"א, האט דער רבי דערציילט אז ס'איז געווען ביים הייליגן רבי מאיר'ל פון פרעמישלאן זי"ע, ער האט נישט געהאט קיין געלט. ס'איז געקומען פרשת נשא, איז ער געקומען צו א שטאט נאך געלט. ער איז אנגעקומען זייער שפעט פאר שבת, ממש אפאר שעה פארן זמן, און ער האט געהייסן מ'זאל צוזאמען רופן די גאנצע שטאט, און ער האט געבעטן יעדער זאל זיך משתתף זיין מיט סכומים הגונים, און ער האט געזאגט מען זאל אים שוין געבן די געלט. ער האט נישט געוואלט זאגן די סיבה פארוואס מ'זאל עס דוקא שוין יעצט געבן, און נישטווארטן אויף נאך שבת, וואס דעמאלטס קען מען קומען רואיגערהייט. נאר ער האט געבעטן אז מ'זאל עס שוין יעצט געבן.

נאך שבת האט רבי מאיר'ל פון פרעמישלאן געזאגט, אז שבת צופרי ביים ליינען, האט מען געליינט אין די סדרה פרשת

המשך בע' י




ובהגיע הזמן שקצב לשינתו הקצרה, התייצב לעבודת הקודש בהתחדשות בהשכמת הבוקר, ונתקיים בו הפסוק (ישעיה מ, לא) וקוי ה׳ יחליפו כח, והסתגר בחדרו לכמה שעות בלימוד התורה בעמידה ובאמירת כל ספר תהלים בעבודה מיוחדת, ומשך הכנתו לתפלת שחרית נמשך הרבה פעמים עד סוף היום כשהוא שרוי בצום, ואח"כ שוב המשיך בעבודת הקודש עד סוף הלילה, ושוב חוזר חלילה, שאחר שינה מועטת כנ"ל התגבר לעבודת ההשכמה, וכמתואר להלן (סימן ח).

### מעיינות הלוי

יג) בספר נזר הקודש כתב, דרכו של הרה"ק רבי יצחק ממעליץ זי"ע היה לקום בכל יום באשמורת הבוקר עוד טרם שהאיר היום, וכן נהג גם לעת זקנותו, ואע"פ שלא ישן כי אם מעט מזעיר, שהרי כשעברו בערך שני שעות אחר חצות לילה אז הניח את עצמו לישן, כנראה שהיתה בדעתו לצאת בזה גם דברי האריז"ל הק׳ שלא לישון בחצי שעה האחרונה שאחר חצות, וחצי שעה האחרונה לפני עלות

### עבודת הלוי

(ד) כהקדמה לספר זה יש לציין נקודה כללית שבלט בכל הנהגתו בקודש, וזה היה משנתו המרכזית בהליכותיו הק׳, ותמיד דיבר מזה, שיש ללחום מלחמת חרמה ותמידית לשבר את כל הרצונות של הגוף המושכים את האדם לתענוג והנאה, ופעם התבטא שהוא דוגמת השלחן שאין לו שום רצון עצמי, כך אין לו שום רצון עצמי בלתי לה׳ לבדו. ראה להלן (בבארות הלוי (סימן לט אות יח ובסימן מב סעיף..) משיחותיו שדיבר על נושא זה.

ואכן כל סדר יומו מדי יום ביומו היה באופן של היפך הרצון הטבעי, ללחום נגד כל דרישות הגוף אכילה שתיה שינה וכיו"ב. רוב היום היה טרוד בהכנה לתפילה, בכל שלשת תפילות היום, ובשיעוריו בתורה ואמירת תהלים, וכך עבר משך כל היום עד לשעות הלילה שלא אכל מאומה זולת שתיה, וכך חי את רוב ימיו ללא אכילה (הדברים מפורטים להלן בפרקים הבאים).

גם כשכבר ישב לאכול היה טרוד בעיקר המצוות שיש בסעודה, כמו עבודת נטילת ידים וברכתו, המוציא וברכת המזון, אבל בעצם האכילה קימץ מאד.

וכן במיעוט שינה, לא היה ישן בכל משך המעת לעת כי אם לערך בין שעה וחצי לשעתיים בשעות של לפנות בוקר. כי חלק גדול משעות הלילה היה ער, ומסר שנתו לטובת כלל ישראל, אשר זה בעצמו היתה לו עבודה מפרכת לשעבד את זמנו לסבול את משא העם יומם ולילה, ביתו היה פתוח לרווחה ושימש תל תלפיות להמונים שצבאו על פתחו לפרוק את צרותיהם, בגודל אהבתו לכל יהודי לא הסתפק בנתינת ברכה עצה או עידוד בלבד, אלא נכנס בעובי הקורה וניסה בכל מיני השתדלויות להחיש ישועה, אם זה בסידור רופאים, שידוכים, השגת הלוואה, התרמת סכומים להכנסת כלה, צדקות ליתומים ולשבורי לב, פדיון שבויים וכדו׳, שעות קבלת קהל הסתיימו לקראת סוף הלילה, ורק לאחר מכן ניגש לעבודת קריאת שמע שעל המיטה. ובדרך כלל לא הלך לישון עד שהמשב"ק היה מוכרח להחביא את כל הספרים. וכך קיבל קהל כל לילה, זולת ימים אחדים בשנה בלילות שמר"ח אב עד תשעה באב.

גם מקצת השינה שכבר ישן היתה בדרך סיגוף, לא ישן כלל על מטה במשך כל השבוע, רק על קנאפע [קאוט"ש] צרה שלא היה יכול להסתובב בו מצד לצד, ורגליו היו מונחות על כסא שעמד ליד הקנאפע [וכעי"ז ראה במעיינות הלוי מספר ראשית חכמה על אחד הצדיקים]. ועשה גם פעולות שונות במשך השינה כדי שלא יהנה מהשינה, לא הניח מתחת ראשו שום כר, לא התכסה עצמו בשמיכה, רק פרס מגבת כדי להניח עליו את ראשו, והניח את ידיו תחת ראשו וישן.

לפעמים היה מורט את עור ידיו באמצע השינה בזרועו במקום הקיבורת, וכן היה חוזר חלילה אחרי שעבר כמה דקות, ונמשך כן

# אמירת אמונה והודאה בהשכמה

**יא. תיכף כשהתעורר משינתו אמר 'ברוך שנתן תורה לעמו ישראל בקדושתו' יד). 'ברוך הוא וברוך שמו חי וקים לעד ולעולמי עולמים' [יב] טו). מודה אני וכו' טז) (ה).**

## מעיינות הלוי

השחר, ועכ"ז התגבר עצמו לקום.

יד) בסידור דעת קדושים מהרה"ק מבוטשאטש זי"ע (תפילה לדוד אות א) כתב, תיכף בהעירו משינתו, עוד לפני מודה אני יאמר 'ברוך שנתן תורה לעמו ישראל בקדושתו'. אולם בסידור יעב"ץ מביאו לומר אחר הנטילה.

טו) כתב מוהרא"צ מקאמארנא זי"ע בהקדמת ספרו אור עינים (כלל ב), וכן קבלתי מאאמו"ר איש אלקים זלה"ה, והוא קיבל ג"כ מרבותיו, בעוד ששוכב על מטתו בראשית פתיחת עינים שלו עוד קודם נטילת ידים, לומר 'ב"ה וב"ש חי וקיים לעד ולעולמי עולמים, מודה אני לפניך מלך חי וקיים שהחזרת בי נשמתי בחמלה. רבה אמונתך', כדי לדבק תיכף נפשו ורוחו כל היום בחי עולמים, עכ"ל.

טז) כ"כ המג"א (סי' ד ס"ק כח).והוסיף, וא"צ על זה נטילת ידים כיון שאינו מזכיר לא שם ולא כינוי.

ובשו"ע הרב (מהדו"ק ס"ו) כתב, וטוב להרגיל בעצמו לומר מיד כשניעור משנתו מודה אני לפניך וכו'. ועי"ז יזכור את ה' העומד עליו ויקום בזריזות.

## עבודת הלוי

במשך כל זמן השינה, כדי שלא יהנה מהשינה.

היו פעמים שגרע גם משנתו הקצרה, כמו בליל שב"ק או במוצש"ק (מחמת קבלת קהל) שלא הלך לישן על הקנאפע הנ"ל, וכן בשנים הראשונות לא נתן שינה לעיניו שלשה לילות רצופים ליל ששי ליל שב"ק וליל מוצש"ק, רק נשאר על כסאו והתנמנם עליו.

בזמנים שקיבל קהל עד לפנות בוקר, כמו במוצאי שבת או בימי הסליחות ולא נשאר לו זמן לישון מעט, אמר למשב"ק שיתנמנם על כסאו לנוח למשך כמה דקות, וביקש שיעוררוהו לאחר הזמן הקצוב, וכשעבר הזמן לא היה לו כח לקום, ביקשו שישפכו עליו מים קרים כדי שיוכל לקום, וכך קם מתוך מסירות נפש.

פעם אחת ציוה את המשב"ק שיקיצנו לאחר שעה, וכשנודע זאת לבנו הרה"צ רבי מרדכי ז"ל ציוה למשב"ק שלא יקיצנו כדי שישן קצת, ולאחר מכן היה נסער על המשב"ק היתכן שלא הקיצו מיד אחר שעת השינה כפי שביקש ממנו.

גם בהשכמה של שב"ק היה מקפיד, גם אם היה מסיים את עריכת שולחנו הטהור בליל שבת לערך בשעה ארבע לפנות בוקר, הרי בשעה שבע כבר ראוהו הולך עם מגבת על צווארו לאחר הטבילה במקוה.

תלמיד שלמד בישיבה בזמן הקיץ שנת תשל"ו סיפר שעקב אחרי רבינו עם עוד כמה בחורי חמד במשך השלשה ימים מעת לעת, והבחינו שלא ישן במשך כל זמן זה יותר משעה וחצי.

עם כל זה לעת זקנותו אמר פעם הדרכה לבחור צעיר לימים: שיראה לישון היטב בימי בחרותו לכל הפחות ששה או שמונה שעות. והתבטא בזה"ל, די שלאף בעט עס אפ נאכדעם, זאלסט זעהן צו שלאפן גוט, אין די יונגע יארן בין איך געשלאפן ווייניג, און היינט בעט מיר עס די שלאף אפ (השינה הוא גנב, הוא גובה אח"כ את מה שלקחו לו, תישן היטב בשנות הנעורים, אני לא ישנתי טוב בשנות הנעורים, ועכשיו אני משלם על זה).

והסביר המשב"ק הרה"ח ר' אלימלך קליין ז"ל, שכוונתו היתה, דבזמן שהיה בכוחו היה רגיל לישון בכל יום לא יותר משעה וחצי, וכעת לעת זקנתו כבר צריך לישון ב' שעות, ועל זה דוה לבו..

באחד השיחים כשדיבר לאחר שבחן את תלמידי הישיבה בסוף הזמן כדרכו בקודש, אמר בזה הלשון: פארטאגס מוז מען אויפשטיין, איי מ'האט זיך געלייגט שפעט, און מ'איז מיד, מ'בארגט זיך פון די שלאף, איך בין שוין שולדיג שלאף יארן, (חייבים לקום לפנות בוקר, אם הלכו לישון מאוחר ועייפים, צריך ללוות מהשינה, אני כבר שנים יש לי חוב לשינה), ע"כ.

פעם אחת התבטא: זאת אתם רשאים ללמוד ממני, מה שאתם רואים, כי לפעמים אני ישן אף בעמידה, בתוך כדי הליכתי, כי התרגלתי שלא להתפעל מעייפות הגוף אשר היצר מפיל עלי (שיח"ק ח"ג עמ' נב).

גם עבודת אמירת כל ספר התהלים ותפילת שחרית שהיתה בלהט אש קודש, היתה בצורה זו שעמד כחייל מושבע ללחום מלחמת חרמה נגד עייפות הגוף ממיעוט שינה,מצבי קור או חום לא דיברו אליו, שיעבד את כל גופו ואיבריו ורצונותיו לשרת את יוצרו וקונו ולעבדו מתוך חדוה ושמחה עצומה.

כשהיה מסיים את כל ספר תהלים היה רגיל להתחיל שוב מתחילה לומר עוד כמה פרקים, כדי שלא ירגיש קורת רוח בנפשו הנה כבר גמרתי את כל התהלים.

גם בעניני רוחניות ראו אצלו ענין זה ללחום נגד הרצונות, לדוגמא פעם אחת אמר בנוגע למנהגו לומר כל ספר התהלים לפני התפילה בזה"ל: דאס לערנען איז דאך אזוי געשמאק ס'איז דא שיינע סברות וכו', משא"כ דאס זאגן תהלים איז דאך זייער שווער, ובפרט דאס שטיין ביי די גאנצע תהלים, אבער ווייל איך האב בעסער ליב צו לערנען, ווייס איך אז פון הימעל וויל מען אז מ'זאל זאגן תהלים, דאס איז מיין (כלומר, שזהו תיקון נפשו).

(ה) כשראה את דברי הרה"ק מבוטשאטש זי"ע (סידור דעת קדושים תפילה לדוד אות א) שכתב שמיד בקום האדם בבוקר קודם 'מודה אני' יש לומר 'ברוך שנתן תורה לעמו ישראל בקדושתו', שמח בזה כמוצא שלל רב, שכן נהג עצמו לומר בקומו, וזכה לכוין לדבריו.

היה רגיל לומר שתורה וקדושה הם חטיבה אחת, כמבואר בספה"ק שתורה ללא קדושה הרי זה הולך לסטרא אחרא רח"ל, ולכן אומרים 'תורה לעמו ישראל בקדושתו'.

## בארות הלוי

[יב] איתא בשם הרה"ק רבי אברהם דוד מבוטשאטש זי"ע, שמיד כאשר האדם ניעור משינתו בבוקר יאמר 'ברוך שנתן תורה לעמו ישראל בקדושתו'. והרה"ק רבי אליעזר צבי מקאמארנא זי"ע כותב בהנהגותיו (סעיף ב) בשם אביו הק' רבי יצחק אייזיק מקאמארנא זי"ע שקיבל מרבותיו, כי מיד כשניעור האדם משינתו יאמר, 'ברוך הוא וברוך שמו חי וקים לעד ולעולמי עולמים'. והעיקר שהדיבור הראשון יהיה דיבור של שבח לה', כי השבח אשר האדם משבח לה', מרומם את כח הנשמה (שיח"ק ח"ג עמ' תכד).




א טיפערע אריינבליק איבער די רוחניות'דיגע
אנטוויקלונגען בישיבה של רבי

# שבת דערהויבענעם גייסטרייכער התרוממות "בני חביבי" אפגעראכטן געווארן אויף די בערג פאר תלמידי ישיבה גדולה בראשות ריש מתיבתא קדישא כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

שטייענדיג בלויז א וואך נאך דעם דערהויבענעם שבת "בני חביבי" וואס איז אפגעראכטן געווארן דעם פארלאפענעם פרשת קרח העעל"ט אויף די שטילע בערג אין די אפ-נאורט געגנט אויף די קאנאדישע בערג, שפירט זיך אין די געמיטער א העכערער גייסט, נאך זייענדיג אונטערן רושם פון די פילע שעות של קורת רוח, מלא רוחניות והתעלות, ווען די טייערע בחורים, תלמידים פון די ישיבה גדולה, האבן געפראוועט א לעכטיגער שבת בצל הקודש פונעם מנהיג העדה כ"ק מרן רבינו שליט"א, וואו מען האט זיך אינאיינעם דערהויבן צו העכערע רוחניות'דיגע ספערן און זיך אנגעשעפט מיט הויפענעס חיזוק אין לימוד התורה און עבודת השם.

אין בעפארברייטונג צום דערהויבענעם שבת, האבן זיך די חשוב'ע תלמידי הישיבה אין די וואכן בעפאר דעם שבת צוגעגרייט מיט אן הכנה דרבה, הארעווענדיג לאנגע שעות ברציפות מיט אן אויסטערלישע התמדה, כדי אנצוקומען צום שבת מיט די ריכטיגע הכנה, זיך צו קענען דערהייבן מעלה מעלה אין לימוד התורה, יראת שמים און עבודת השם.

ווי א טאג נענטער עס איז געקומען צום שבת, זענען די הרגשים און געפילן ביי די תלמידים געוואקסן אויף העכערע שטאפלען. אלע האבן ארויסגעקוקט מיט אן אויסטערלישער תשוקה אויף דעם לאנג-ערווארטעטן מאמענט ווען מען וועט זיך מסתופף זיין בצילו פון רבינו שליט"א מיט א ספעציעלן זעלטענעם התקרבות, אפרעכטנדיג דעם שבת אויף א פריוואטן פארנעם בלויז מיט די באטייליגונג פון די חשוב'ע תלמידים הקרוים בנים.

## ערב שב"ק

פרייטאג אינדערפרי, ארום 7:30, האט מען זיך געשטעלט דאווענען א פייערדיגער תפילת שחרית אין היכל הישיבה. די התרגשות צום שבת וואס האט זיך שוין דערנענטערט מיט גרויסע טריט האט זיך געשפירט אין דעם לעבעדיגן קול תפילה וואס האט אפגעהילכט אין ביהמ"ד.

נאך תפילת שחרית האט דער עולם מעביר סדרה געווען שנים מקרא ואחד תרגום, און זיך דערנאך אוועקגעזעצט צו א ברייטן נאהראפטיגן פרישטאג, בעפאר מען לאזט זיך ארויס אויפן וועג צו די בערג.

בערך 12:00 אזייגער האט מען זיך בסייעתא דשמיא ארויסגעלאזט אלע בחורים אינאיינעם מיט די פעק און זעק אויף דעם צווי' שעה'יגן רייזע צום ספעציעל אפגעדונגענעם קעמפ, וואו מען איז אנגעקומען ארום 2:00 אזייגער אין א מזל'דיגע שעה.

עס איז געווען צוגעגרייט פאר אלע בחורים א ברייטע אויסוואל פון געשמאקע מזונות און פרוכט זיך צו דערקוויקן דאס הארץ. דערנאך איז דער עולם זיך געגאנגען מסדר זיין די בעטן אין די שטיבער, און געכאפט א דרימל צו קענען זיין פולקאם אויסגערוט צום גרויסארטיגן שבת מעין עולם הבא.

די טישן אינעם היכל הבית מדרש זענען געווארן שיין אנגעגרייט און באדעקט מיט ווייסע שבת'דיגע טישטוכער, אזוי אויך אינעם גרויסן עס-זאל וואו די לעצטיגע סעודות וועלן געפראוועט ווערן אין שפיץ פון מרן רבינו שליט"א.

ארום 7:30, בערך א שעה פאר'ן זמן הדלקת הנרות, האבן זיך די בחורים געזעצט לערנען פלייסיג צום באשטימטן סדר הלימוד, זיך גרייטנדיג מיט א פאסיגע הכנה צום הייליגן שבת וואס שטייט שוין אט אט ביים שוועל.

## לקראת שבת לכו ונלכה

בערך 8:20, עטליכע מינוט בעפאר זמן כניסת השבת, האט מען געהאט די זכיה צו מקבל פנים זיין פני כבוד קדושת מרן רבינו שליט"א, וועלכער איז ערשינען אין היכל הסעודות מלובש אין בגדי שבת.

דער רבי האט צוגערופן הבה"ח יעקב יוסף שווארץ הי"ו, און געמאכט זיכוי הפת פאר די עירוב ארום דעם שטח פונעם קעמפ.

דערנאך האט דער מנהל שליט"א איבערגעגעבן פארן רבי'ן א קוויטל מיט אלע נעמען פון די בחורים וואס האבן זיך אונטערגענומען קבלות טובות נישט צו רעדן קיין דיבורי חול במשך דעם דערהויבענעם שבת.

מרן רבינו שליט"א האט ארויסגעוויזן קענטיגע הנאה און קורת רוח פון דעם חשוב'ן אונטערנעמונג; ער האט באטראכט דעם קוויטל און עס דערנאך אריינגעלייגט אונטערן שטענדער. און ווען עס איז געקומען צום זמן הדלקת הנרות האט רבינו שליט"א אנגעצינדן די שבת'דיגע ליכט, אזוי ווי יעדע וואך.

נאכ'ן צינדן האט דער משגיח שליט"א איבערגעגעבן א ספעציעלע מתנה פאר רבינו שליט"א בשליחות פון די חשוב'ע תלמידים, אין פארעם פון א הערליכער שטענדער מיט יעדנ'ס נאמען אויסגעקריצט דערויף, וועלכע איז ספעציעל געאייגנט צו נוצן יעדע וואך ביים זאגן "ויתן לך" מוצאי שבת.

דערנאך האט זיך דער גאנצער עולם אוועקגעזעצט אויף די פלעצער און אנגעהויבן זאגן שיר השירים מיט גרויס ברען און התעוררות. נאך שיר השירים האט רבינו שליט"א אויפגעטראטן פאר די בחורים מיט פלאמפייערדיגע דיבורים, וואס האט אנגעווארעמט אלעמענ'ס הערצער צום קדושה פונעם הייליגן שבת הממשמש ובא.

דער רבי' שליט"א האט אין זיינע ווערטער ספעציעל ארומגערעדט איבער די קדושה פונעם הייליגן ספר 'סידורו של שבת', און אויפגעפאדערט די בחורים זיך מחזק צו זיין אין דעם לימוד און אנהויבן לערנען דעם ספר יעדע וואך מיט א קביעות (זעה תוכן הדברות קודש קומענדיגע וואך בס"ד).

האלטנדיג שוין נאכן שבת, האלט זיך אינמיטן גרונדן א ספעציעלע חבורה צו לערנען דעם ספר סידורו של שבת יעדע וואך מיט א שטארקייט, און פילע בחורים ווארטן שוין און קוקן ארויס זיך אנצושליסן אינעם חבורה און זיך קאכן אין די מאמרים פון דעם הייליגן ספר.

נאך די ווארעמע ווערטער פונעם רבי'ן האט מען זיך געשטעלט דאווענען א דערהויבענעם תפילת מנחה ברוב עם. רבינו שליט"א האט זיך מתעטף געווען מיטן טלית און צוגעטראטן צום עמוד, און פארגעדאווענט מיט גרויס התעוררות און השתפכות הנפש.

דערנאך איז דער רבי' אויך צוגעגאנגען צו קבלת שבת, כנהוג, און אריינגעשלעפט דעם גאנצן עולם אין א פייערדיגן אטמאספערע. די בחורים האבן מיטגעדאווענט און מיטגעזינגען כאיש אחד בלב אחד מיט א קאך און מיט א ברען, זייענדיג מקבל שבת מיט א אויסטערלישן ברען, פיל מער ווי א געווענליכן שבת.

נאכן דאווענען האט דער רבי' אנגעהויבן זינגען דעם באקאנטן "גוט שבת" ניגון, און דער גאנצער עולם האט מיטגעזינגען אינאיינעם. דערנאך זענען אלע בחורים אריבערגעגאנגען וואונטשן א גוט שבת, און דער רבי' האט יעדן איינעם צוריקגעוואונטשן במאור פניו.

## סעודת ליל שבת קודש

נאכן דאווענען ביז רבינו שליט"א איז ערשינען צום סעודה האבן זיך די בחורים אוועקגעזעצט אויף די פלעצער אינעם היכל הסעודות. אויף יעדנ'ס פלאץ איז געווען צוגעגרייט א הערליכער זמירות און א שיינעם חלה דעקל, ספעציעל געדרוקט לכבוד דעם גרויסן שבת.

נאך עטליכע קורצע מינוטן איז רבינו שליט"א ערשינען אינעם היכל הסעודות מעוטף בטליתו, און אנגעהויבן זינגען א ווארעמען שלום עליכם, ווען דער גאנצער עולם האט מיטגעזינגען מיט א דערהויבנקייט. עס האט זיך אנגעזען א קענטיגע קורת רוח אויפן רבי'נס פנים צוזעענדיג די הערליכע אחדות'דיגע

מאמענט ווען די חשוב'ע תלמידים זינגען און פארברענגען אינאיינעם אויף אזא הערליכן פארנעם.

מיט הגבהת הכוס פאר רבינו שליט"א ביי קידוש איז נתכבד געווארן הבה"ח יחזקאל אונגאר נ"ו, רבינו שליט"א האט אנגעהויבן א פייערדיגן קידוש בקול אדיר וחזק, זייענדיג מקדש דעם הייליגן שבת קודש מיט א התלהבות דקדושה.

ווען דער רבי האט פארענדיגט מאכן קידוש, האבן אלע בחורים געמאכט קידוש צוזאמען, יעדער איינער אויף זיין פלאץ, ווען דער גאנצער היכל האט אפגעדונערט פון דעם פייערדיגן קידוש.

נאך קידוש האט זיך דער רבי אינאיינעם מיט די בחורים געוואשן על נטילת ידים, און געגעסן די חלה, פיש און אנדערע מאכלי שבת. דורכאויס דעם גאנצן סעודה האט מען אראפגעשיקט שיריים וואס איז פארטיילט געווארן צווישן אלע בחורים.

נאך די פיש האט רבינו שליט"א געזאגט דברות קודש, נאכזאגנדיג שיינע תורות און הדרכות ישרות אויף די וואכעדיגע פרשה (זעה תוכן הדברות קודש קומענדיגע וואך בס"ד).

דערנאך האט דער רבי אנגעהויבן זינגען "כל מקדש" מיט גרויס התלהבות, נאכגעפאלגט מיט די ווארעמע "אהבה רבה" ניגון. דער גאנצער עולם איז אריינגעשלעפט געווארן אין א התרוממות און מיטגעזונגען די ניגונים מיט א ברען און גרויס דביקות.

ווען מען האט אריינגעברענגט די זופ צום טיש האט מען אנגעהויבן זינגען אינאינעם די "זופ ניגון", נאכגעפאלגט מיט נאך שיינע ניגונים לכבוד שבת. עס איז פארטיילט געווארן פאר יעדן איינעם קונטרסים מיט אידישע ניגונים, וואס איז ספעציעל געדרוקט געווארן לכבוד דעם גרויסן שבת.

אין לויף פונעם גאנצן סעודה האבן די בחורים געזונגען שיינע ניגונים פון דעם קונטרס, ווען דער רבי האלט מיט פון אינעווייניג און הערט זיך צו מיט גרויס התרגשות. שפעטער האט רבינו שליט"א מכבד געווען די חשוב'ע בחורים אנצוהויבן די שבת'דיגע זמירות. צווישן אנדערע איז נתכבד געווארן הבה"ח שלום לאבין נ"ו קה אכסוף; הבה"ח אלימלך זכרי' סאקס נ"ו מה ידידות; - ביים זינגען "מעין עולם הבא" נאך "מה ידידות", האט מען זיך אויפגעשטעלט צו א געהויבענע ריקוד מיט אן אויסטערלישע ברען, און געוואלדיגע התלהבות דקדושה; - הבה"ח אלעזר ליפא שווארץ נ"ו תנו שבח; הבה"ח צבי אלימלך פיש נ"ו נכד רביה"ק זי"ע, קה רבון עלם; הבה"ח חיים נחום בר"י מערמעלשטיין אז ביום השביעי'.

מיט ברכת המזון על הכוס האט רבינו שליט"א מכבד געווען דער חשוב'ער מנהל שליט"א, און מיט הגבהת הכוס איז נתכבד געווארן הבה"ח דוד ב"ר יואל קלמן הערשקאוויטש נ"ו.

נאכן בענטשן איז רבינו שליט"א ארויס פאר א קורצע ווייל, און דערנאך צוריקגעקומען פראווען א ווארעמע באטע אינאיינעם מיט די חשוב'ע בחורים.

## תנו שבח ושירה

דורכאויס דעם באטע האט מען ווידער געזונגען שיינע ווארעמע ניגונים לכבוד שבת, און דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש און שיינע דברי תורה (זעה תוכן הדברות קודש קומענדיגע וואך בס"ד).

רבינו שליט"א האט געטיילט עפלעך פאר אלע בחורים כנהוג, און דערנאך מכבד געווען החתן יעקב מאיר האלפערן נ"ו מיט'ן ניגון שבת נותנים. דערנאך האט מען זיך ארויסגעלאזט אין לעבעדיגע ריקודין לכבוד שבת קודש און געזונגען "רננו צדיקים" און נאך לעבעדיגע שבת'דיגע ניגונים.

מיט געהויבענע געמיטער האט מען געשלאסן דעם דריי-אהאלב שעה'יגן סעודת ליל שבת קודש; און זיך געגאנגען גרייטן צו גיין שלאפן.

## וביום השבת

טראץ די שפעטע שעה וואס דער עולם האט זיך געלייגט שלאפן ביינאכט, האט זיך דאס אבער נישט אנגעזען אינדערפרי', ווען די תלמידי הישיבה האבן זיך מזרז געווען און אויפגעשטאנען גאר פרי צו קענען אויסזאגן תהלים פאר'ן דאווענען כנהוג.

ארום 8 אזייגער איז רבינו שליט"א ערשינען אין היכל הביהמ"ד צו תהלים. פאר'ן אנהויבן זאגן תהלים האט דער רבי ארויסגענומען דעם קוויטל וואס האט אנטהאלטן אלע נעמען פון די בחורים וואס האבן זיך מקבל געווען נישט צו רעדן קיין דיבורי חול אום שבת. דער רבי האט מזכיר געווען און ארויסגעזאגט יעדנ'ס נאמען, און אינזינען געהאט אז די פסוקי תהלים וואס מען גייט אצינד זאגן זאל זיין לזכותם פון די חשוב'ע תלמידים.

נאך תהלים האט מען זיך געשטעלט דאווענען תפילת שחרית ברוב עם, און הבה"ח חיים נחום ב"ר יואל מערמעלשטיין נ"ו איז צוגעגאנגען צו ברכות און פסוקי דזמרה.



מיט תפילת שחרית איז נתכבד געווארן הבה"ח יוסף שפיטצער נ"ו. ביי קריאת התורה האבן הבה"ח יצחק ראזענבערגער נ"ו און הבה"ח שמשון גוטמאן נ"ו געדינט אלס בעלי קורא.

פאלגענד זענען די סדר פון די עולים לתורה לויט די סדר פון די עליות:

כהן - הבה"ח דוד ב"ר ישראל יעקב לאנדא נ"ו; לוי - כ"ק מרן רבינו שליט"א, געקויפט דורך הבה"ח אברהם דוב גוטמאן נ"ו; שלישי - הבה"ח אלימלך פיש נ"ו נכד רביה"ק זי"ע; רביעי - החתן אליהו ברוין נ"ו; חמישי - דער משגיח הר"ר מרדכי הערשקאוויטש הי"ו; שישי - דער חשוב'ער מנהל שליט"א; שביעי - הבה"ח יעקב יוסף שווארץ נ"ו; אחרון - הבה"ח אשר ענזיל ב"ר

אלימלך קרויס נ"ו; מפטיר - הבה"ח אלימלך אליהו קרויס נ"ו; הגבה - הבה"ח ברוך פרישינובסקי נ"ו; גלילה - הבה"ח יחזקאל אונגאר נ"ו.

צו תפילת מוסף איז צוגעגאנגען הבה"ח יחזקאל אונגאר נ"ו, און מיט פתיחה צו אנעים זמירות איז נתכבד געווארן הבה"ח מרדכי רפאל טעללער נ"ו.

נאכן דאווענען איז רבינו שליט"א ארויסגעגאנגען פאר עטליכע מינוט, און איז ערשינען אינעם היכל הסעודות ארום צען מינוט דערויף און אנגעהויבן זינגען די זמירות פאר קידוש.

## סעודת יום השבת

מיט הגבהת הכוס צו קידוש איז נתכבד געווארן הבה"ח שלום אליהו יונגרייז נ"ו.



דורכאויס די סעודה האט מען געזונגען שיינע געשמאקע ניגונים לכבוד שבת. צוערשט האט מען געזונגען "ברוך ה' יום יום", און דערנאך אנדערע שיינע ניגונים.

במשך די סעודה האט מען געזונגען דעם באקאנטן "יאקאב" ניגון, און רבינו שליט"א האט קענטיג גאר שטארק הנאה געהאט דערפון. נאכן ענדיגן דעם ניגון האט דער רבי' ארומגערעדט שיינע זכרונות פון "יאקאב" און פון ר' יום טוב ערליך. דער רבי' האט ארוועגט אז ער געדענקט נאך יאקאב'ס חתונה, און אזוי אויך ווען ער איז אמאל געקומען באזוכן ביי אביו הגדול מרן רביה"ק זי"ע, און די רבי האט ממשיך געווען דברי חיזוק וואס מ'קען זיך ארויסלערנען (זעה תוכן הדברות קודש קומענדיגע וואך בס"ד).

דערנאך האט הבה"ח שמואל יוסף מערמעלשטיין נ"ו געזונגען "אז ביום השביעי"; שיר המעלות האט געזונגען הבה"ח שלמה גאלדשטיין נ"ו, און הבה"ח יצחק אייזיק פיש נ"ו, נכד רביה"ק זי"ע, האט געבענטשט ברכת המזון על הכוס.

נאכן בענטשן האט מען זיך ארויסגעלאזט אין א ריקוד לכבוד שבת; מען האט געזונגען "שבח יקר וגדולה" און נאך ניגונים מיט א לעבעדיגקייט און התרוממות.

דערנאך האט מען באגלייט דעם רבי'ן צום אכסניא, ווען אויפן וועג האט דער רבי' ארומגערעדט שיינע ענינים מיט די חשוב'ע בחורים.

## שבת נאכמיטאג

ארום 6:30, נאכן מקיים זיין דעם "שינה בשבת תענוג" און כאפן א געשמאקן דרימל לכבוד שבת קודש, איז פארגעקומען א געשמאקן סדר הלימוד, ווען אלע בחורים האבן זיך געזעצט לערנען פלייסיג מיט א פרישקייט.

אין די זייט איז געווען צוגעגרייט טעימה קלה, געשמאקע פרישע מזונות און פרוכט, זיך צו קענען דערכאפן דאס הארץ אין דעם לאנגן שבת נאכמיטאג.

8:00 אזייגער איז פארגעקומען א שיעור אין פרקי אבות, פארגעלערנט דורך דעם גבאי' נאמן ומשמש בקודש, מוה"ר יצחק נחום האמבורגער הי"ו. ווי ער האט ארויסגעברענגט די וויכטיגקייט פון מרבה זיין שלום בין אדם לחבירו און צו געבן א גוט ווארט פאר א צווייטן.

אזוי אויך האט ער שיין ארומגערעדט במשנתו פון רביה"ק זי"ע, צווישן אנדערע האט ער פארציילט א מורא'דיגע ישועה וואס רביה"ק זי"ע האט געפועל'ט פאר א איד, וואס ער האט אליינס מיטגעהאלטן בשעתו:

געווען איז דאס ווען א גרויסער עושר פון ניו יארק האט זיך געהאט פארפלאנטערט מיט די IRS שטייער אגענטור, און עס האט אים געדראעט גאר שווערע קאנסעקווענצן אויב ער וועט נישט באוויזן זיך צו ריינוואשן פון זיינע פראבלעמען.

דער איד האט זיך דאן געוואנדן צו הגאון ר' חיים פלאהר שליט"א, ראש הכולל זכרון מנחם - מאנסי, און זיך שואל עצה געווען מיט אים וואס צו טון. ר' חיים האט געהייסן דעם איד ער זאל פארן אויף טאהש צום הייליגן רבי'ן, און דארט וועט ער זיכער געהאלפן ווערן.

אזוי האט דער גביר געטון, און ער איז טאקע געפארן אויף טאהש און געקומען צום רבי'ן. נאכן ליינען דעם קוויטל, האט דער רבי' געבעטן אן אסטראנאמישן סכום פון דעם איד, א גאנצע מיליאן דאלער! (אין יענע צייטן איז עס געווען אסאך מער ווערד ווי היינט).

דער איד איז געווארן שאקירט פון דעם אומגעהויערן סומע געלט וואס דער צדיק בעט אים, און ער האט אנגערופן ר' חיים פרעגן וואס ער זאל טון. ר' חיים האט אים גלייך געענטפערט אז ער זאל נישט פארפאסן דעם געלעגנהייט נאר ער זאל טאקע געבן דאס גאנצע געלט אין די קומענדיגע חדשים, וויבאלד אזוי וועט ער זיכער זוכה זיין צו א פולקאמע ישועה.

די ערשטע פאר חדשים איז דער גביר טאקע געקומען צום רבי'ן און יעדעס מאל געגעבן נאך א שיינעם סכום אויסצוצאלן דעם גאנצן מיליאן דאלער וואס דער רבי האט פארלאנגט פון אים. ביי די לעצטע צוויי מאל האט דער איד מחמת איזה סיבה נישט געקענט קומען צו פארן, אנשטאט האט ר' חיים געברענגט דאס געלט פארן רבי'ן. ביים סאמע לעצטן מאל, נאכן אפצאלן דאס גאנצע סכום, האט ער געבעטן דעם רבי'ן אז יעצט זאל ער מבטיח זיין א ישועה פאר דעם איד.

האט אים דער רבי' געענטפערט בזה הלשון: "קיינער האט נאכנישט איבערגעצאלט ביי מיר," מיינענדיג צו זאגן אז ער דארף נישט זיין באזארגט אז ער האט געצאלט געלט אומזיסט, ווייל ער וועט געהאלפן ווערן מיט א גאנצע ישועה.

גענוי אזוי איז טאקע געווען, ווען א קורצע צייט דערויף איז אנגעקומען די גוטע בשורה אז דער איד האט זוכה געווען צו אן אויסטערלישע ישועה למעלה מדרך הטבע, און האט זיך גענצליך ארויסגעדרייט פון אלע זיינע

פראבלעמען.

## רעוא דרעווין

ארום 8:30 איז רבינו שליט"א אריינגעקומען אין בית המדרש צו תפילת מנחה. הבה"ח ישעי' ארי' לייב ב"ר ישראל חיים הערשקאוויטש נ"ו איז צוגעגאנגען צום עמוד.

הבה"ח יחזקאל אונגאר נ"ו האט געדינט אלס בעל קורא; כהן האט עולה געווען הבה"ח יצחק ראזענבערגער נ"ו, לוי האט עולה געווען הבה"ח אשר ענזיל בן ר' אלי' קרויס נ"ו; שלישי האט עולה געווען הבה"ח אליעזר קאהן נ"ו, נכד רבינו שליט"א.

רבינו שליט"א איז געגאנגען הגבה, און מיט גלילה איז נתכבד געווארן הבה"ח אברהם דוב גוטמאן נ"ו.

נאך תפילת מנחה איז דער רבי אריינגעקומען צו שלש סעודות, זיך געוואשן נטילת ידים און אויפגעשניטן די חלה. דער רבי האט דאן ארויסגערופן עטליכע ממצויניי הישיבה און פארטיילט צווישן זיי די י"ב חלות פונעם לחם משנה.

דער רבי האט מכבד געווען הבה"ח יוסף שפיטצער נ"ו מיט קידוש, און דערנאך האט מען אנגעהויבן זינגען די זמירות.

"ידיד נפש" האט געזונגען החתן יעקב חיים סג"ל טירנויער נ"ו; "קל מסתתר" - הבה"ח אלימלך פיש נ"ו נכד רביה"ק זי"ע, "אין כאלוקינו" האט אנגעהויבן הבה"ח שמעון כהנא נ"ו נכד רביה"ק זי"ע.

דערנאך האט מען געטיילט פלייש כנהוג, און רבינו שליט"א האט אנגעהויבן די פייערדיגע דברות קודש און ווארעמע דברי התעוררות, אנצוווארעמען די הערצער פון די טייערע בחורים צו תורה און עבודת השם אין די הייליגע מינוטן פון רעוא דרעוין (זעה תוכן הדברות קודש קומענדיגע וואך בס"ד).

נאכן זמן צאת הכוכבים האט מען פארלאשן די לעקטער אינעם היכל, און מען האט אנגעהויבן זינגען ווארעמע גאולה ניגונים; "מידת הרחמים", "אלקא די ליה", "אני מאמין" און נאך הארציגע ניגונים בעניני גאולה, ווי רבינו שליט"א האט גאר שטארק געקאכט ביי די ניגונים מיט אן אש קודש פארגיסנדיג טייכן טרערן, דורכאויס די הייליגע מאמענטן.

דערנאך האט מען זיך ארויסגעלאזט אין א דערהויבענע טאנץ "נאר אמונה" און "וקרב פזורינו", איינרייסנדיג מיט א הייסע תפילה פאר די גאולה השלימה.

דערנאך האט דער רבי מכבד געווען הבה"ח חיים אלעזר פעלבערבוים נ"ו מיט "שיר המעלות", און נכדו היקר החתן אהרן ארי' גינזבערג נ"ו מיט ברכת המזון.

תפילת מעריב האט דער רבי געדאווענט פארן עמוד, נאכגעפאלגט מיט א פייערדיגן הבדלה ברוב עם.

מיט הגבהת הכוס איז נתכבד געווארן הבה"ח שמואל יוסף מערמעלשטיין נ"ו. הבה"ח ישי עקשטיין נ"ו האט געהאלטן דעם הבדלה.

## לכו בנים שמעו לי

נאך הבדלה האט דער רבי געטיילט שיריים פון די ווין פאר יעדן איינעם באזונדער , און דערביי ארויסגעדרוקט זיינע טיפע הרגשים און געפילן נאכן מיטלעבן אזא דערהויבענע שבת, זאגנדיג אז עס האט אים געברענגט א שטארקע התקרבות צו די טייערע בחורים, זיינע באליבטע תלמידים.

דערנאך האט זיך דער רבי געשעטלט זאגן "ויתן לך" און "שמע בני", טאקע אויף דעם נייעם שטענדער וואס די בחורים האבן געקויפט אלס מתנה.

דערנאך האט מען ארויסבאגלייט דעם רבי'ן פון היכל, און געזינגען אינאיינעם "א גוטע וואך" לעבעדיג און דערהויבן ביז גאר. אויפ'ן וועג צום אכסניא האבן די בחורים פארברענגט מיטן רבי'ן, ארומרעדנדיג תורות און שיינע ענינים.

## מלוה מלכה

א קורצע צייט נאך די סדר הבדלה איז פארגעקומען די רייכע סעודת מלוה דמלכה, רבינו שליט"א איז ערשינען אין היכל, אנגעצידן ליכט לכבוד מוצאי שבת און זיך געוואשן נטילת ידים. נאכן עסן די חלה און די פיש האט דער רבי אנגעהויבן זינגן "אתקינו סעודתא" און די איבריגע זמירות פון מוצאי שבת.

דערנאך האט דער רבי מכבד געווען עטליכע חשוב'ע בחורים צו פארציילן מעשיות פון צדיקים לכבוד מוצאי שבת. עס האבן אויפגעטרעטן הבה"ח ישראל קרויס נ"ו, החתן אלימלך ב"ר יצחק אייזיק שלום קרויס נ"ו, הבה"ח דוד הערשקאוויטש נ"ו, און הבה"ח חיים נחום בר"י מערמעלשטיין נ"ו.

דערנאך האט הבה"ח ישעי' לייב הערשקאוויטש נ"ו ארויסגעזונגען שיינע גראמען פארן רבי'ן, ארויסברענגענדיג די טיפע קשר און נאנטע בונד וואס דער שבת האט געשאפן צווישן דעם רבי'ן און זיינע טייערע תלמידים. אזוי אויך האט ער ארויסגעברענגט אז דער הייליגער רבי זי"ע האט אויפגעשטעלט די ישיבה, און די גרויסע נחת רוח וואס ער האט אויבן אין הימל צו זען די הערליכע פירות.

רבינו שליט"א האט זיך דערנאך שטארק באדאנקט פארן זינגען די גראמען, און עקסטער פאר הבה"ח אברהם בראדי נ"ו וועלכע האט פארפאסט די הערליכע גראמען בכשרונותיו הברוכים.

דערנאך האט מען געטיילט שיריים פון די קוגל פאר אלע בחורים. מיט שיר המעלות איז נתכבד געווארן הבה"ח אברהם זיידא פאגעל נ"ו. הבה"ח שמעון כהנא נ"ו נכד רביה"ק זי"ע, האט געבענטשט ברכת המזון על הכוס.

נאכן בענטשן האט מען ארויסבאגלייט דעם רבי'ן שליט"א מיט לעבעדיגע טענץ בשירה ובזמרה, זייענדיג דערהויבן און מרוגש ביז גאר אז מען האט געהאט דעם זכיה מיטצולעבן אזא לעכטיגע און דערהויבענע שבת אינאיינעם מיטן רבי'ן, אנקניפנדיג א נאנטע רוחניות'דיגע קשר און זיך מחזק געווען בתורה ויראת שמים, שעפנדיג דערביי פרישע כוחות צו קענען דינען דעם אויבערשטן מיט א שטארקייט און התחדשות.

# בצל הקודש

מהנעשה והנשמע בביתו נאוה קודש
של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

קרח - תשפ"ו לפ"ק

## זונטאג פר' קרח

רבינו שליט"א איז ארויס צום ציון הקדוש פון רביה"ק זי"ע לאמירת כל ספר תהלים ביום במסוגל ערב ראש חודש.

פארנאכטס במשך די זמני כניסה האט באזוכט ביי רבינו שליט"א, אדמו"ר מ'קרעטשניף וויליאמסבורג שליט"א, וואו עס איז פארגעקומען א שיינע שמועס איבער אבותיו הקדושים זצ"ל.

דער רבי' האט מכבד געווען מיט לחיים, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו, און ארויס באגלייט ביזן גאס.

## מאנטאג פר' קרח

נאכמיטאג האט כ"ק אדמו"ר מסאטמאר שליט"א באזוכט ביי רבינו שליט"א בביתו נאוה קודש, וואו עס איז פארגעקומען א שיינע שמועס איבער הצדיקים רבינו השרף זי"ע, רבינו הסב"ק זי"ע, דברי חיים זי"ע, סוואליאווא רב זי"ע, ייטב לב זי"ע, ועוד.

דער רבי' האט מכבד געווען מיט לחיים, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו, און ארויס באגלייט ביזן גאס.

## דינסטאג פר' קרח

נאכמיטאג איז דער רבי' ערשינען בהיכל ביהמ"ד הגדול צום שלחן הטהור סעודת ראש חודש, דער רבי' האט געצינדן ליכט און זיך געוואשן צום סעודה.

עס איז סערווירט געווארן א סעודה פאר כל הקהל הקודש, מען האט געזינגן פאסיגע ניגונים. דער רבי' האט משמיע געווען דברות קודש, און פארגעלערנט ספה"ק מאור ושמש לכבוד די יארצייט.

מיט ברכי נפשי האט דער רבי' מכבד געווען הרב אברהם ישעי' ענגל שליט"א אב"ד זידיטשוב לעיקוואד, ברהמ"ז על הכוס האדמו"ר מ'ראדאשיץ שליט"א פון קרית יואל, שיר המעלות הב' רפאל אברהם ב"ר זיידא ראטענבערג נ"י תלמיד ישיבה גדולה.

⬥

ביינאכט איז דער רבי' אריבער אויף א ביקור גומלין ביי כ"ק אדמו"ר מסאטמאר שליט"א, ביים מסיבה לטובת מוסדות סאטמאר אין מאנטריאל.

## מיטוואך פר' קרח

בשעה 6:00 פארטאגס האט דער רבי' זיך געשטעלט דאווענען תפילת שחרית אינאיינעם מיט תלמידי שיעור ג' פון ישיבה גדולה אוה"ח, אינעם ביהמ"ד הפרטי פון רביה"ק זי"ע, נאך וואס די בחורים האבן זיך געשטעלט צום פארהער אויף גאנץ הלכות מליחה די פארגאנגענע טעג ביי גדולי עמודי הוראה שליט"א.

נאכן דאווענען איז פארפירט געווארן א שיינע שמועס, וואו דער רבי' האט דערציילט זכרונות פון ווען דער רבי' האט זיך פארהערט די הוראה, און נאך שיינע ענינים בהלכה ואגדה.

⬥

נאכמיטאג זענען אריין אל הקודש פנימה בביתו נאוה קודש תלמידות פון בית חינוך לבנות עץ חיים פון טאראנטא. דער רבי' האט משמיע געווען דברי חיזוק והתחזקות, און געבענטשט מטבעות קודש וועלכע זענען שפעטער אויסגעטיילט געווארן דורך הרבנית הצדיקת תליט"א.

⬥

פארנאכטס איז דער רבי' ערשינען צו די חתונה פון בת מוה"ר אשר וויינבערגער הי"ו אין די זאלן פון בית צירל. דער רבי' האט מסדר געווען די כתובה, געוואונטשן לחיים פארן חתן מחותנים און זיידע'ס ובני משפחה, מכבד געווען די מחותנים אנצוטון די קיטל, דער רבי' האט אנגעטון די גארטל, געלייגט די אש אויפן חתן, געגאנגען באדעקן די כלה, און מסדר קידושין געווען אונטערן חופה.

שפעטער איז דער רבי' צוריק אין זאל, געטאנצן ריקודי קודש מצוה טאנץ לפני הכלה, דערנאך מיטן חתן און מחותנים און זיידע'ס.

## שב"ק פר' קרח

רבינו שליט"א האט געפראוועט גאר א דערהויבענע שבת מיוחד בלויז מיט תלמידי ישיבתינו הק' "ישיבה גדולה אור החיים" פון קריתינו הק', אין אפ-נארט קאנאדא.

מוצאי שב"ק איז פארגעקומען א דערהויבענע סעודת מלוה מלכה, וואו דער רבי' האט אויפגעטרעטן בדברות קודש.

זעה פילע באריכט אין "לאור באור החיים" קאלום.

# במקהלות

נייעס, באריכטן
און אנטוויקלונגען,
אינערהאלב

**קהילותינו ומוסדותינו הקדושים**

צווישן מקהלת אנשי
שלומינו ברחבי תבל

תלמוד תורה בית יודא - קריתינו הק׳:

## הערליכע חומש סעודה פארגעקומען פאר ילדי כתה א׳ אין תלמוד תורה בית יודא

דעם פארגאנגענעם עש"ק שלח איז פארגעקומען די גרויסארטיגע מעמד חומש סעודה פאר ילדי כתה א׳ פונעם תלמוד תורה בית יודא אין קריתינו הק׳. די מעמד איז פארגעקומען בהיכל ביהמ"ד הגדול אין קריתינו הק׳, בראשות הוד כבוד קדושת מרן רבינו שליט"א, מיט די השתתפות פון אלע עלטערן און זיידע׳ס פון די לעכטיגע צאן קדשים. די ביהמ"ד איז געווען מייסטערהאפטיג אויסגעשטעלט, מיט 3 שטאקיגע סטעידש פאר די חתני התורה.

דער מנהל שליט"א האט אויפגעטרעטן מיט פאסיגע ווערטער, איבער די גרויסקייט פון די צייט ווען מען הייבט אן לערנען די הייליגע תורה, אזוי אויך איבער די שטארקע חשיבות פון די עלטערן וועלכע פאלגן אויס די תקנות התלמוד תורה. מען האט געזינגן פאסיגע ניגונים, און אנגעהויבן לערנען די הייליגע תורה.

דערנאך האט דער רבי געטיילט א הערליכע תהלים מיט א שטיקל מזונות פאר אלע קינדערלעך. דערנאך האבן די קינדער געטאנצן מיט די מלמדים, דערנאך מיט די עלטערן און זיידע׳ס.

א ספעציעלע יישר כח בשם די הנהלת הת"ת פאר די חשוב׳ע מלמדים וועלכע האבן ארייגעלייגט אזויפיל כוחות להצלחת המעמד, בראש וראשון פארן מנהל הרב ישעי׳ סג"ל קרויס שליט"א, און פאר די מלמדים הרב אשר וויינבערגער הי"ו, הרב אהרן אלעזר סג"ל יונגרייז הי"ו, און הרב אהרן וואלף ברייער הי"ו. אזוי אויך פאר די עוזרים הרב הערשל פריעדמאן הי"ו, הרב ארי׳ לייב ראטענבערג הי"ו, און הרב אברהם כהן הי"ו, און א ספעציעלע יישר כח פאר מוה"ר שמואל צבי ווייס הי"ו פארן צושטעלן די ביהמ"ד הגדול טראץ די פארנומענע ערב שבת קודש.

תלמוד תורה עבודת משולם פייש - מאנסי:

## ומצדיקי הרבים ככוכבים - נייער מלמד פאר כתה ג׳ אויפגענומען בס"ד

מיט גרויס פרייד ווערט געמאלדן מטעם וועד הנהלה רוחני ד׳מוסדותינו הקדושים אז נאכדעם וואס מען זעהט מיט די אויגן די בליא און וואקסט פון די הייליגע מוסדות ווי די לעכטיגע קינדערלעך שטייגן און וואקסן מעלה מעלה בתורה ויראת שמים אויפ׳ן הייליג׳ן דרך המסורה לנו פון רבינו הקדוש זי"ע און ווי עס פירט אונז ווייטער בנו חביבו ומ"מ הוד כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א גרייט מען זיך שוין צום קומענדיג׳ן שנת הלימודים תשפ"ז ווען מען גרייט זיך בשעה טובה צו עפענען דעם כתה ג׳ קלאס בקרב מוסדותינו הקדושים.

אצינד און די יעצטיגע טעג איז באשטימט געווארן די מלמד פון כתה ג׳ דעם בארימט׳ן איש האשכולות מומחה גדול בשדה החינוך ומרביץ תורה לעדרים רבות בשנים, הרב יואל האלפערט שליט"א וואס איז ברייט באקאנט מיט זיין בארימטע מומחיות בשדה החינוך זייענדיג שוין אסאך יאר אין חינוך פעלד.

די חשובע מלמד שליט"א וועט בעז"ה זיין נאך א חלק צו די בארימטע און איבערגעגעבענע מלמדים פונעם מוסדות וואס זענען פקיה שמי׳ אונעם גאנצ׳ן שטאט

השי"ת זאל העלפן אז ער זאל האבן די זכי׳ און כוחות צו קענען ערפילן זיין הייליגע תפקיד צו אויסלערנען פאר די לעכטיגע קינדערלעך די הייליגע תורה הקדושה און די זכות פון רבינו הקדוש זאל אים באגלייטן אויף טריט און שריט.




חברה מתמידים - קריתינו הק':

# קידוש ה' ביים חברה מתמידים "גירסא דינקותא"

אין די יעצטיגע טעג האט זיך אנגעהויבן די חברה מתמידים "גירסא דינקותא" ווי איבער 100 קינדער פון כיתות ז' און ח' קומען זיך צוזאם יעדע נאכט אין ביהמ"ד אברכים, און געבן אוועק פון די אייגענע צייט צו לערנען די הייליגע תורה, אין די היכל ביהמ"ד הילכעט אפ מיט א רוישיגע קול תורה.

די מתמידים ווערט אנגעפירט דורך הרב אברהם לייב ראזענבוים שליט"א מנהל חברת תהלים דקריתינו הק', און ספעציעלע בוחנים זיצן גרייט צו העלפן, וכל דבר קשה מביאון אליהם, אזוי אויך פארהערן זיך די קינדער בלעטער גמרא תוספות ביי די ספעציעלע בוחנים.

נאך זוממער וועט אי"ה פארטיילט ווערן רייכע מתנות, כמתן שכרן בצדן פאר אלע קינדער וועלכע שטרענגן זיך אן, און פארהערן זיך די גמרות וואס מען האט געלערנט.

אשרי מי שגדול בתורה ועמלו בתורה






# משאת נפשי

## באריכטן און פארשריט אין די מאסיווע קאמפיין למען מורשת צדיק – די מוסדות הק' בקרית טאהש

לקראת יומא דהילולא רבא ז"ך אב הבעל"ט

## יערליכער קאמפיין לטובת די מוסדות הק' בקרית טאהש געלאזט געווארן אין גאנג אונטערן נאמען "משאת נפשי"

אריינטרעטנדיג אצינד אין די זומער וואכן, ווען דער גרויסער טאג ז"ך אב - יומא דהילולא קדישא פון רביה"ק זי"ע - קומט אלץ נענטער און נענטער, האבן די געטרייע עסקנים פון די מוסדות הק' פאנדרעיזינג אפיס "להתקשר" פראקלאמירט דעם "משאת נפשו" קאמפיין, מיט'ן ציל אויפצוטרייבן סכומים אדירים לטובת די הייליגע מוסדות אין קרית טאהש.

דער "משאת נפשו" קאמפיין-מאטא איז אויסגעקליבן געווארן אלס א פאסיגער סלאגאן ארויסצוברענגען וואס עס באדייט דאס שטיצן די הייליגע מוסדות. מיר אלע, חסידי ומעריצי טאהש, ווייסן ווי שטארק די מוסדות זענען געווען נאנט צום הארצן ביי רבינו הקדוש זי"ע, אויף וואס ער האט זיך מוסר נפש געווען דערויף אלע זיינע יארן בגוף ובנפש, כדי עס זאל אוועקגעשטעלט ווערן הערליכע מוסדות מיט א פעסטן בסיס, מחנך צו זיין די קינדערלעך על דרך המסורה לנו.

נעמענדיג דאס אין באטראכט, קען דאך נישט זיין קיין פאסיגערער נאמען ווי "משאת נפשו", וואס ברענגט ארויס ווי שטארק די מוסדות הק' זענען אים געגאנגען אין לעבן, און געווען זיין ציל און שטרעבן. ווען מיר תלמידים געבן א שיינעם סכום צו שטיצן די מוסדות ברוח נדיבה און נעמען א חלק אין די שווערע ארבעט ווייטער אנצוהאלטן די הייליגע המשכה, האנדלען מיר זיך איין א שותפות אין דעם "משאת נפשו" פון רבינו הקדוש זי"ע, וועלכער טראגט ווייטער דעם עול און זארגט זיך פאר זיינע תלמידים הקרויים בנים פון זיין הויכן ארט אין גן עדן.

## זכותים נשגבים ומיוחדים פראקלאמירט פאר די חשוב'ע תומכים

זכותים נשגבים ומיוחדים פראקלאמירט פאר די חשוב'ע תומכים

אין די טעג זענען ארויסגעשטעלט געווארן די זכותים הנשגבים וואס מען קען זיך איינהאנדלען דורכ'ן שטיצן די הייליגע מוסדות, צעטיילט אין עטליכע שטאפלען, וואו יעדער איינער קען זיך אויסקלויבן א זכות כפי השגת ידו.

- זכות נפשו קשורה — אייביגע קשר מיט דעם הייליגן רבי'נס מוסדות — $1,000 לחודש
- זכות אהבת נפש — תלמידים וחסידים האלטן אן די אהבה וחיבת הקודש — $720 לחודש
- זכות משאת נפשו — שטיצן דעם רבי'נס הייליגע לעבנס מיסיע — $360 לחודש
- זכות שוה לכל נפש — $150 לחודש

עקסטער איז ווידעראמאל פראקלאמירט געווארן דער ספעציעלער "מפתח" שותפות, וואס איז ספעציעל געאייגנט פאר גרעסערע ביזנעסלייט. דאס איז שוין דאס צווייטע יאר וואס דער פראיעקט ווערט אפיציעל ארויסגעשטעלט ביים יערליכן קאמפיין.

"מפתח" באדייט א פולקאמע 'מסחר' און 'שותפות' מיט רבינו הקדוש זי"ע, וואס איז מיוחד פאר ביזנעס-אייגנטומער און נדיבים בעם וואס ווילן האבן דעם הייליגן רבי'ן אלס א 'שותף' אין זייער ביזנעס, פאר א זכות און סגולה מצליח צו זיין אין די געשעפטן. די "מפתח" שותפים געבן אראפ א באשטימטן פראצענט פון די רווחים פאר דעם רבי'נס מוסדות, און שליסן דערמיט א געשעפט מיט'ן הייליגן רבי'ן, וועלכער טוט זיין חלק אין די שותפות צו זארגן משמי מעל אז דער נדבן זאל שטענדיג מצליח זיין אין אלע זיינע וועגן.

צענדליגע בעלי מסחר זענען מעיד אז דאס זיך אנשליסן אין דעם "מפתח" שותפות האט ממש געטוישט זייער ביזנעס און פארטריפלט די הכנסות, זיי ענדיגן דעם שותפות יאר מיט שטוינענדע ציפערן. עס שטעלט זיך ארויס אקוראט, דאס איז דער מפתח! דער שליסל צו הצלחה אין פרנסה!




אין לויף פון די קאמפיין וואכן וועט דעם הייליגער רבי'נס פערזענליכע שליח נאמן, מוה"ר יצחק נחום האמבורגער הי"ו - וועלכער האט זיך אלע יארן מוסר נפש געווען פארן רבי'ן מיט אן אויסטערלישע געטריישאפט - זיך פארבינדן מיט אנ"ש אין אלע היימישע ישובים, און איבערגיין די פרטים און זכותי שותפות, און דערביי איבערגעבן די הייליגע ברכות בכח פונעם משלח מרן רבינו הקדוש זי"ע.

# ארגאניזירטער סדר הקאמפיין וועט לויפן אין די קומענדיגע וואכן אין אלע געגנטער ביז צום הויכפונקט בעצם יומא דהילולא קדישא ז"ך אב הבעל"ט

ווי יעדעס יאר איז דער קאמפיין אויסגעשטעלט געווארן אויף א ספעציעלן סארט אופן, ווערנדיג צוטיילט אין עטליכע וואכן, ווען יעדע וואך-צוויי איז דער קאמפיין קאנצענטרירט אויף אן אנדערער געגנט. דער ציל פון דעם אייגנארטיגן מהלך איז צו קענען דערגרייכן און אנקומען צו יעדן איינעם מיט א רואיגקייט און ישוב הדעת, ווי איידער דארפן דעקן איבעראל אין א בליץ-קאמפיין פון בלויז א טאג-צוויי.

## פאלגענד איז א דעטאלירטע ליסטע פון אלע געגנטער מיט א פונקטליכן סדר וויאזוי דער קאמפיין וועט לויפן:

| קרח - חוקי"ב | פנחס | משו"מ - דברים | ואתחנן - עקב |
|---|---|---|---|
| וויליאמסבורג | בארא פארק | קרית יואל | מאנסי |

ערווארט דעם רוף פון די געטרייע עסקני המוסדות, און קומט זיי אנטקעגן מיט ווארעמע און ברייטהארציגע נדבות לטובת די הייליגע ירושה פון רבינו הקדוש זי"ע!

# הויכפונקט פונעם "משאת נפשו" קאמפיין וועט פארקומען בעצם יומא דהילולא קדישא ז"ך אב ביים ציון המצוינת פון רבינו הקדוש זיי"ע

דער הויפט קלימאקס פונעם גרויסארטיגן "משאת נפשו" קאמפיין וועט פארקומען אינעם טאג פונעם גרויסן יארצייט, ז"ך אב הבעל"ט, א טאג ווען אלפי אנשי שלומינו קומען צו פארן פון איבער דער גאנצער וועלט זיך משתטח צו זיין אויפן ציון פון רבינו הקדוש זי"ע אין קרית טאהש, אשר שם חלקת מחוקק ספון.

נאכן ארומגיין צווישן אלע שטעט און צוזאמקלויבן פילע נדבות און בייסטייערונגען פאר די מוסדות דורכאויס די זומער וואכן, וועלן די עסקנים פון 'להתקשר' פאנדרעיזינג אפיס אפווארטן דעם ריזן ציבור וואס וועט שטראמען צום ציון הקדוש אין לויף פונעם יארצייט, און דארט אפנעמען די ווארעמע נדבות פון תושבי הקריה און די פילע געסט וואס וועלן זיך איינהאנדלען דעם אומשאצבארן זכות ביים ארויפגיין מתפלל זיין במקום קודש הקדשים דער הייליגער ציון הק', און פועל'ן ישועות ורפואות אין זכות פון שטיצן דעם רבי'נס לעבנס ווארנטש און שטרעבן, די הייליגע מוסדות.







# קול איחוד

מקושר מיט איבעראל

טאהש

718.451.TOSH | 514.500.TOSH

פרנס

השיעורי תורה על
'קול איחוד' לשבוע הבעל"ט

נתנדב על ידי
הרבני החסיד המפואר ר'
**אהרן קרויס**
שליט"א

לעילוי נשמת אביו הרה"ח
ר' יוסף שמואל בן ר'
אהרן ז"ל
יארצייט ביום השב"ק - י"ב תמוז

זכות השיעורי תורה דרבים יעמוד
לו ולזרעו להתברך בכל הברכות
הכתובה בתורה עד עולם אמן

| | |
|---|---|
| 718.451.8674 | 514.500.8674 |
| 0.333.015.0715 | 079.704.0074 |

קולו בקודש מרביה"ק זי"ע | דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א | דרשות | שיעורים | חבורות
מעמדים | מאורעות | מודעות | שמחות | אינטערוויו'ס | מזון הנפש | עזר לתושבים
מעמבער אפטיילונג | ואטהר ואתקדש | קהילות ומוסדות | פרנסה ביחד | ועוד

די לעצטע געלעגנהייט אריינצושיקן בריוון,
מודעות, און מזל טוב'ס פארן גליון, איז:
**מיטוואך 12:00 מיטאג**


איחוד תלמידי וחסידי טאהש
תלמידי חסידי טאהש
יו"ל ע"י
**איחוד תלמידי וחסידי טאהש**
פילצאליגע פראיעקטן צו פאראייניגן און סערווירן אנשי שלומינו

P: 718.451.8674 EXT. 80 | F: 845.610.8674
11 Van Buren Dr. #205 Monroe N.Y. 10950